STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03476

# MENTSHN FUN K.P.P.

Sz. Zacharjasz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. זאַכאַריאַש

מענטשן פון ק. פּ. פּ.

ש. זאַכאַריאַש

# מענטשן פון ק.פ.פ.

דוד ריכטער
משה גרינבאַום
שמואל מערעטיק

פאַרלאַג: יידיש בוך ווארשע

1964

SZ. ZACHARJASZ

# LUDZIE K.P.P.

Red.: D. SFARD

רעדאַקטאָר — ד. ספאַרד

Okładkę projektował: R. CHOF

הילע פּראָיעקטירט — ערכאָוו

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH", WARSZAWA, UL. NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 5357. Nakład 2500 egz. Druk ukończono w styczniu 1964
Ark. druk. 7,25, wyd. 6. Papier druk. sat. III kl. 61 x 86, 70 g.
Druk. RSW „PRASA", Warszawa, ul. Tarczyńska 8. L-70

*          *

*

אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, אין דעם פּוילן פון קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, האָבן טויזנטער יידישע מענער און פרויען, יונגעלייט און מיידלעך — פון אַרבעטער־היימען, פון פאַראָרעמטע באַלעבאַטישע הייזער, פון דער אַרבעטלאָזער דיסקרימינירטער יידישער אינטעליגענץ — געשטראָמט אין יענער פּאַרטיי, וועלכע האָט נישט בלויז שוין גערעדט וועגן קאַמף מיט דער הערשנדיקער רעאַקציע, נאָר טאָג־טעגלעך ווירקלעך געקעמפט פאַר אויסבעסערן די לאַגע פון אַרבעטנדיקן מענטשן, פאַר זיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעכט, פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג; אין יענער פּאַרטיי, וועלכע האָט נישט בלויז שוין גערעדט וועגן פאַרברידערונג צווישן מענטשן פון פאַרשידענער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג און צווישן באַזונדערע פעלקער, נאָר וועלכע האָט מיט דעם דאָזיקן גייסט דורכגעדרונגען אַלע געביטן פון איר טעטיקייט און דערצויגן אין אים אַלע אירע מיטגלידער און סימפּאַטיקער; אין דער פּאַרטיי, וועלכע איז זיך געווען באַוווּסט פון איר ציל, און יעדן האָרעפּאַשנעם מענטשן, יעדן אַרבעטער און אינטעליגענט געגעבן אַ קלאָרע פּערספּעקטיוו.

די דאָזיקע פּאַרטיי איז געווען די ק. פּ. פּ., די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן.

טייל פון די מענטשן, וועלכע זענען צו איר געקומען, זענען שוין געווען באַוואָפנט מיט מאַרקסיסטישן וויסן, מיט קלאָרע באַגריפן וועגן דעם נויטווענדיקן גאַנג פון דער געשיכטע, וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן זיג פון אַרבעטער־קלאַס און וועגן אמת פון זיין אידעאָלאָגיע און וועלט־אָנשויונג.

טייל האָבן בלויז מיטגעבראַכט מיט זיך די דערפאַרונגען פון זייער אייגן שווער און פאַרהאָרעוועט לעבן, דעם פעסטן באַשלוס און ווילן דאָס דאָזיקע לעבן צו ענדערן און די פּראַקטישע פאַרשטענדעניש, אַז נאָר געמיינזאַם און געאייניקט מיט אַנדערע, ענלעכע צו זיי, אָרגאַניזירט אין איין געשלאָסענעם קאַמפס־פעיקן און קאַמפס־לוסטיקן פאַרבאַנד, וועלן זיי זיך קענען פאַרוואַנדלען אין אַן אומבאַזיגבאַרער קראַפט.

און עס זענען אויך געווען נישט ווייניק אַזעלכע, וואָס זענען געקומען מיטגעריסן דורך דער מאָראַלישער קראַפט פון דער פּאַרטיי, דורך איר גרויסער מענטשלעכער אידעע, דורך איר סאָציאַל־עטישן אינהאַלט, וועלכער האָט אָנגעבונדן צו די שענסטע מענטשלעכע אידעאַלן פון אַלע צייטן און אַלע דורות.

אָבער אומאָפּהענגיק דערפֿון, מיט וואָס און צוליב וואָס איינער איז געקונען, אומאָפּהענגיק אַפֿילו פֿון דעם ניוואָ און מדרגה פֿון זיין באַוווסטזיין, — פֿאַר אַלע איז די פּאַרטיי געוואָרן די היים און די שול, וועלכע האָט זיי פֿאַרברידערט, דערצויגן און אויסגעלערנט אין פּראָצעס פֿון פּראַקטישער טאָג=טעגלעכער טאַט נישט סתם צו דענקען און האַנדלען אין אַ באַשטימטער ריכטונג, נאָר ווי אַזוי פּרעציז, לאָגיש און וויסנשאַפֿטלעך צו דענקען און ווי אַזוי אומדערשראָקן, צילבאַוווסט און שלאָגפֿערטיק צו האַנדלען.

די פּאַרטיי האָט דערצויגן אירע מיטגלידער ווי מענטשן פֿון אַ באַזונדער שניט און קוואַליטעט, ווי מענטשן, וואָס באַזיצן אַ ספּעציפֿישע מענטאַליטעט און אַ ספּעציפֿישן נוסח, וואָס פֿאַרמאָגן אין זיך די גרויסע איבערלעכע קראַפֿט צו קענען זיך אָפּזאָגן פֿון פּערזענלעכן לעבן, פֿון פּערזענלעכן גליק לטובת דעם כלל, און נאָך מער — ווי מענטשן, וואָס זענען גרייט צוליב דעם גרויסן ציל אויסצושטיין די גרעסטע רדיפֿות, יסורים און פּיין.

פֿונוואַנען האָבן די דאָזיקע מענטשן גענומען דעם כוח איבערצוטראָגן אַזוי פֿיל מאַטעריעלע נויט און פֿיזישע ליידן? פֿון וועלכן קוואַל האָבן זיי געשעפּט זייער מוט און אויסדויער?

פֿון דער קאָלעקטיווער אומדערשראָקענער און טאָג=טעגלעכער טאַט, פֿון דעם טיפֿן אומדערשיטערלעכן גלויבן אין זיג און דער עיקר — פֿון דער פֿעסטער איבערצייגונג, אַז אַלץ, וואָס זיי טוען, איז לטובת זייער קלאַס, לטובת זייער פֿאָלק, לטובת דער גאַנצער מענטשהייט.

די ערשטיקע סטימולן פֿון פּערזענלעך=מאַטעריעלן, עקאָנאָמישן און מאָראַלישן כאַראַקטער האָבן, פֿאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ דינאַמישער מאַסן=אַקטיוויטעט, געבוירן און אַרויסגעהויבן אומדערשאַצבאַרע גייסטיקע ווערטן פֿון עטישן און קולטור=כאַראַקטער, וועלכע האָבן באַפֿרוכפּערט שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפֿטלער.

זייענדיק אַ גרויסע מאַסן=באַוועגונג, האָבן זיך אין דער ק. פּ. פּ. דאָך אויסגעטיילט — נישט אויסגעזונדערט — יחידים, וועלכע, זייענדיק אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיטן כלל, ווי אייגע צווישן אַלע, האָבן זיי גלייכצייטיק צום בולטסטן פֿאַרקערפּערט מיט זייער לעבן און טעטיקייט די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג און פֿון אַלע אירע טרייע קעמפֿער און אָנהענגער, יחידים, וועלכע האָבן סומירט אין זיך די איינגעשאַפֿטן פֿון אַלע מיטגלידער — קרבנות=גרייטקייט און מסירת=נפֿש, שטאַרקייט פֿון גייסט גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן, אויסערגעוויינלעכן מוט און דרייסטקייט, עכטן אינטערנאַציאָנאַליזם — מיט איין וואָרט, דאָס אַלץ, וואָס האָט געשאַפֿן די רומפֿולע געשיכטע

און טראַדיציע פון ק. פּ. פּ. און וואָס קען און דאַרף אויך דינען ווי אַ מוסטער פאַר די אַלע, וואָס זעצן פאָר איר אַרבעט אין נײַע באַדינגונגען.

עס איז אונדזער פליכט די דאָזיקע יחידים אַרויסצוהייבן פון פאַרגעסנקייט, כדי דורך דעם בילד פון זייער לעבן און טעטיקייט, פון זייער גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס, פון זייערע העלדישע טאַטן לטובת דעם פאָלק — זאָלן אויפקומען פאַר אונדז די אָפּפערוויליקע מעשים פון די צענדליקער טויזנטער, וועלכע האָבן אין שווערע קאַמפן צוגעגרייט דאָס פּוילן פון הײַנט, זאָל אויפקומען דער מאַסן־אָנטייל פון ייִדישן אַרבעטער, וועלכער האָט נישט בלויז נישט איינגעזען קיין שום סתירה צווישן זײַן צוגעבונדנקייט צום ייִדישן פאָלק און זײַן קולטור און צווישן זײַן קרבנותפולן קאַמף פאַר אַ גערעכט און ווירדיק פּוילן, נאָר פאַרקערט, ער האָט אין דעם געזען די סאַמע נויטווענדיקע שייכות און אַפילו קעגנזײַטיקע אָפּהענגיקייט.

דאָס דאָזיקע בוך, אין וועלכן שמעון זאַכאַריאַש — אַליין איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער צווישן די דאָזיקע מוטיקע רעוואָלוציאָנערן אין יענער צײַט — דערציילט וועגן דרײַ פון זײַנע מיטקעמפער און חברים, איז ערשט אַן אָנהייב.

אין דעם דאָזיקן אָנהייב, וועלכער טראָגט דעם נאָמען: „מענטשן פון ק.פּ.פּ.“, באַמיט זיך דער מחבר — אפשר טאַקע דערפאַר, ווײַל דאָס זענען מיטקעמפער און חברים — צו זײַן וואָס מער אָביעקטיוו, צו געבן אַנשטאָט אייגענע מיינונגען — דאָקומענטן, אַרויסזאָגונגען פון אַנדערע, ביאָגראַפישע ידיעות, בריוו און פּראָטאָקאָלן, און בלויז פון צײַט צו צײַט רײַסן זיך אַדורך זאַצן, וועלכע פאַראַטן דעם מחברס אינערלעך געפיל און באַציִונג, זײַן פערזענלעכע איבערלעבונג און פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע מענטשן.

אָבער גראָד דאָס דאָזיקע פּשוטע, פּראָזאַישע, אויף פאַקטן און דאָקומענטן באַזירטע, דערציילן וועגן דעם לעבן און טעטיקייט פון דרײַ קאָמוניסטן, וועגן זייערע שווערע נסיונות און לײַדן, און נישט געקוקט אויף דעם — זייער אומדערמידלעכער שטאַנדהאַפטיקייט, קעמפערישקייט, אָפּטימיזם און גלויבן — אַנטהאַלט אין זיך אַן איידעלע מענטשלעכע דערהויבנקייט און ווירדע, אַ מוסטער פון בײַשפּיללאָזן מוט.

דאָס אַליין איז אַ קוואַליטעט אַן און פאַר זיך. אָבער אויסער דעם, גיבן די דאָזיקע דרײַ פּאָרטרעטן פון קעמפער אין קווער־שניט פון זייער לעבן און טעטיקייט אַ בילד פון אַ ביז גאָר רײַכן און רוישיקן פּעריאָד אין דער ייִדישער געזעלשאַפט אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, רײַך אין באַוווסטזיניקע קלאַסן־קאַמפן, אין אָנרייפן פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, אין אויפשטײַג

פון פאַרשידענע פאַרגעשריטענע קולטור־צענטערן און אין אויפקום און אויסבילדן זיך פון דערפאַרענע, פאַרהאַרטעוועטע און רעוואָלוציאָנערע יידישע מאַסן, וועלכע האָבן אַריינגעשריבן אַזעלכע דערהויבענע, טיף־מענטשלעכע און פאַטריאָטישע קאַפּיטלען אין דער נייער געשיכטע פון פּוילן.

האַלטנדיק זיך שטרענג ביי אַ ריין ביאָגראַפישן שטאָף אויפן סמך פון דאָקומענטאַלע רעלאַציעס און אויפוויקלענדיק כאַראַקטעריסטישע פּאַסירונגען אין פּערזענלעכן לעבן פון די דריי באַשריבענע אַרבעטער־טוער, ווי אויך קאָנסעקווענטע האַנדלונגען אין הסכם מיט זייערע פּאָליטישע איינשטעלונגען, גיט דער מחבר נישט בלויז אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם שווערן קאַמף פון די אַזוי טראַגיש פאַרשווונדענע יידישע מאַסן אין פּוילן פון יענער צייט, נאָר גלייכצייטיק אויך אַ זייער באַלערנדיקן דערקענטניש־מאַטעריאַל און פּראָבלעמאַטיק, וואָס האָבן אין פיל הינזיכטן נישט פאַרלוירן זייער אַקטואַליטעט אויך ביים היינטיקן טאָג. אַזאַ איז דאָס פּראָבלעם פון אַרבעטער־איינהייט, פון דער באַציונג צו פאַרשידענע בורזשואַז־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און ענלעכע.

אָבער קודם־כל איז דאָס בוך אַ פאַרדינטער דענקמאָל פאַר דריי פּראָמינענטע אַרבעטער־טוער, וועלכע האָבן זייער לעבן אָן שום רעשט אָפּגעגעבן דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס, געווען טרייע, ווירדיקע און כאַראַקטעריסטישע פאָרשטייער פון אַ פּאַרטיי, וואָס איר העלדישע געשיכטע ווערט אין דער פּערספּעקטיוו פון יאָרן אַלץ בולטער און איר געשיכטלעכע ראָל אַלץ באַדייטנדיקער נישט בלויז פאַר איר צייט, נאָר אין דער סאַמע ענגסטער און אָרגאַנישער פאַרבינדונג אויך מיט אונדזער הייַנט, ווי זיין פאָרגייערין און מוסטער.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז דאָס בוך דערשיינט גראָד צום 45־טן יאָרטאָג זינט דער אַנטשטייונג פון ק.פ.פּ., און די געוויסנהאַפטע שילדערונג פון דריי אירע מיטגלידער, וואָס זייער שווערער און מסירת־נפשדיקער לעבנסוועג סימבאָליזירט מיט זיך דעם כאַראַקטעריסטישן נוסח פון דער גאַנצער באַוועגונג און פון דעם גרעסטן טייל פון איר מיטגלידערשאַפט, איז ווי אַן אויסדרוק פון פאַרערונג פאַר דער פּאַרטיי צו דער דאָזיקער וויכטיקער דאַטע.

עס בלייבט בלויז איבער זיך צו ווינטשן, אַז דער דאָזיקער אָנהייב, וועלכער איז פון אַ באַדייטנדיקן דערציערישן ווערט און איז ווי אַן אויסדרוק פון אונדזער פליכט מזכיר צו זיין אונדזערע בעסטע חברים, וועלכע די היטלערישע מערדער האָבן פאַרשניטן צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק אויף דער שוועל פון זייערע פאַרווירקלעכטע חלומות פון אַ נייַ און גערעכט פּוילן — זאָל קאָנסעקווענט פאָרגעזעצט ווערן אויך אויף ווייטער.

ד. ספאַרד



# דוד ריכטער — „דודל״

אַרבעטער פון פאַבריק און וואַרשטאַט, פּראָפאַריין־ און פּאַרטיי־טוער, אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ — אַלע וועלכע זענען געשטאַנען נאָענט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער יידישער סביבה, האָבן געקענט „דודלען״.

דוד ריכטער האָט געהערט צו די רעוואָלוציאָנערע יידישע טוער פון אַלטן דור פון פאַר דער אַנטשטייונג פון קפּפּ.

ער איז געקומען אין דער קפּפּ נישט פון „בונד״ אָדער ציוניסטישע פּאַרטייען. ער האָט געהערט צו דער פּלעיאַדע קפּפּ־טוער, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן שוין פון די יונגע יאָרן אָן אין רעוואָלוציאָנער־אינטער־נאַציאָנאַליסטישן גייסט. געקומען איז ער אין דער קפּפּ פון דער סדקפּל.

ער איז געווען אַ קליינער אין וווקס, מיט אַ געדיכטן טונקל־בלאָנדן קאָפּ האָר און צוויי פינקלענדיקע בלויע אויגן.

„דודל״ האָט מען אים גערופן נישט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ קליינער. זיין באַשיידנקייט, פּשוטקייט און האַרציקייט, האָט נישט גרויסן זיך מיט זיינע זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישע פעיקייטן אין לאַנג־יאָריקן רעוו. סטאַזש האָט אַרויסגערופן ליבשאַפט צו אים ביי יעדן, וועלכער האָט זיך מיט אים באַגעגנט. שוין ביים ערשטן שמועס איז ביי יעדן פאַרבליבן דער איינדרוק, אַז ער האָט זיך געטראָפן מיט אַ האַר־ציקן חבר און מענטש.

ווען ווער פון די חברים האָט עפּעס נישט צו דער צייט, אָדער נישט גוט דערליידיקט, האָט דוד אין אַן ערנסטן טאָן אויפמערקזאַם געמאַכט דעם חבר, אָבער נישט באַליידיקט. דער חבר איז פון אים שטענדיק אַוועק אָן אַ פאַרדראָס. אויב ער האָט באַמערקט, אַז דער חבר לעבט איבער זיינע פאָרווורפן, פלעגט ער מיט אַ שמייכל באַרואיקן דעם חבר: „פאַר־שטיי, אַז דאָס זענען פּאַרטיי־אויפגאַבן, אַז זאַכן, וועלכע דינען דער רעַ־וואָלוציע טאָרן נישט פאַרנאַכלעסיקט ווערן״.

אָט טאַקע די פּשוטקייט, די האַרציק־מענטשלעכע באַציונג, די באַשיידנקייט אין דער אַרבעט זענען געווען די סיבה פֿון דעם נאָמען „דודל“.

דער דאָזיקער איידעלער כאַראַקטער־שטריך זיינער איז שנעל באַמערקט געוואָרן אויך פֿון די בירגערלעכע באַלעבאַטים, ביי וועלכע ער האָט געוווינט, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פֿון דער פּאָליציי. דוד האָט געהאַט די פֿעיקייט פֿון געווינען די הערצער פֿון זיינע באַלעבאַטים. וועלכע האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַן אייגענעם משפּחה־מענטש און אויך גערופֿן „דודל“. זיי פֿלעגן מיטזאָרגן מיט זיינע זאָרגן און מיטפֿרייען זיך מיט זיינע פֿריידן.

דאָרט וווּ „דודל“ האָט געוווינט, האָבן אויך די באַלעבאַטים זיך געהאַלטן, אַ דאַנק אים, פֿאַר סימפּאַטיקער פֿון דער קפּפּ. זיי פֿלעגן אים צוהעלפֿן אויסבאַהאַלטן פּאַרטיי־מאַטעריאַלן און ווען ער האָט געדאַרפֿט געלט אויף פּאַרטיי־אויסגאַבן, פֿלעגט ער שטענדיק באַקומען ביי זיי אַן הלוואה אויף אַ געוויסער צייט. די סימפּאַטיע איז געווען אַ קעגנזייטיקע.

גישט איינמאָל האָב איך זיך געטראָפֿן מיט „דודלען“ אויף ניזקע 45 און פֿראַנציסקאַנער 9 אָדער 11 ביי דער פֿאַמיליע לוקסעמבורג. ס'איז געווען לייכט צו באַמערקן די סימפּאַטיע און דרך־ארץ צו אים, און אַ דאַנק אים בכלל צו קאָמוניסטן, וועלכע פֿלעגן זיך דאָרט טרעפֿן דעמלט, ווען דוד איז געווען אין תּפֿיסה.

דודלס פּשוטקייט, קאַרגשאַפֿט אין ווערטער קומט אויך צום אויסדרוק אין זיין ביאָגראַפֿיע, אָנגעשריבן פֿון אים אין 1941 יאָר און צוגעשיקט צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין קורץ־געפּאַסטע און פֿריי פֿון באַרימערייען זאַצן דערציילט ער וועגן זיין רייכער און לאַנגיאָריקער רעוואָלוציאָנערער פּאָליטישער, פּראָפּאַריינישער, זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישער און פּאַרטייאיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט אין דער סדקפּל און אין דער קפּפּ.

אין דעם פֿאַל איז דוד געווען צו באַשיידן. צו קאַרג. ער האָט געדאַרפֿט מער דערציילן וועגן זיין פּאַרטיי־טעטיקייט און במילא אויך פֿון אַנדערע, וועלכע האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט. זיין ווערטער־קאַרגשאַפֿט און באַשיידנקייט האָט אין דעם פֿאַל דער פּאַרטיי קיין נוצן גישט געבראַכט.

* * *

דוד ריכטער, אַ קינד פֿון אַ טאַרטאַק־אַרבעטער, איז אַלס 15־יאָריק ייִנגל, אַרבעטנדיק שוין אין דער טשענסטאָכאָווער מעטאַל־מעבל־פֿאַבריק,

אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט=באַוועגונג און אין דער באַוועגונג פֿאַרבליבן ביזן סוף. „איך האָב דורכגעמאַכט דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס=וועג — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע — פֿון אַ מיטגליד פֿון קעמערל ביז אַ צענטראַלן פּאַרטיי=טוער“.[1]

זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן פֿון שרייבן קאָרעספּאָנדענצן פֿון לעבן און קאַמף פֿון די יידישע אַרבעטער פֿון זיין שטאָט און אויסגעוואַקסן צו איינעם פֿון די הויפּט=זשורנאַליסטן — פּובליציסטן אין דער פּאַרטייאישער אומלעגאַלער און לעגאַלער פּרעסע. ער איז געוואָרן „די אָנפֿירנדיקע פֿען אין דער רעוואָלוציאָנערער זשורנאַליסטיק“.[2]

ביי דוד ריכטערן האָבן זיך געראַנגלט צוויי כוחות: איין כוח — פֿון אַ מאָלער און צייכענער, פֿון אַ פֿעליעטאָניסט און ליטעראַטור= און טעאַטער=קריטיקער. דער צווייטער — פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן טוער, וואָס פֿילט די נויטווענדיקייט אויסלאָדן די ענערגיע און אויסלעבן זיך אין דער פּאָליטישער קאַמפּס=באַוועגונג. פֿאַראייניקן אָט די צוויי אינערלעכע כוחות האָט ער באַוויזן נאָר טיילוויז. די אויבערהאַנט האָט ביי אים גענומען דער צווייטער.

מיט זיין גאַנצער נשמה און האַרץ איז ער אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער=באַוועגונג, כאָטש מען האָט געקאָנט באַמערקן, ווי דער דראַנג צו צייכענען איז אים פֿאַרבליבן. בעת די לאַנגשעהדיקע דיסקוסיעס אויף פּאַרטיי=זיצונגען פֿלעגט ער צייכענען בלומען, פּייזאַזשן און שקיצן פֿון די קלאַסיקער פֿון מאַרקסיזם.

ווען ער איז געווען אַרבעטלאָז, האָט ער געלעבט (1918 — 1920) פֿון מאָלן די פֿירער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער=באַוועגונג. זיינע געמאָלטע בילדער פֿלעגן הענגען אין די לאָקאַלן פֿון די פּראָפֿאַריינען אין טשענסטאָכאָוו. אין די יאָרן 39 — 1938, ווען די פּאַרטיי איז געוואָרן פֿאַנאַנדערגעלאָזט, האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט קינסטלעריש אויסהעפֿטן טישטעכער, סערוועטקעס און קליינע דיוואַנען. פֿאַר זיין שעפֿערישער פּעדער איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין 1935 יאָר, זייענדיק אויף פּאַרטיי=אַרבעט אין זאַגלעמביע און ליגנדיק אין בעט אַ קראַנקער אויף גריפּע,

---

[1] אַלע דאַטעס און וויכטיקע פֿאַקטן פֿון זיין לעבן און קאַמפּס=טעטיקייט זענען גענומען פֿון זיין אויטאָביאָגראַפֿיע (פּערזענלעכע טעטשקע סיג. 8988 — אינסטיטוט פֿאַר פּאַרטיי=געשיכטע ביים צ. ק. פּזפּר, אָפּטייל 2).

[2] מ. מירסקי — „אונטער די פֿענער פֿון קפּפּ“. זייט 70.

האָט ער אָנגעשריבן אַן 8=זייטיקן בריוו צו זיין שיינע טאָכטער אַנקע אונטערן טיטל: „Pierwsze pranie Polci”.

דער גאַנצער בריוו איז געווען אַ מעשהלע, וווּ יעדעס וואָרט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם אות „פּ“. ווען ער האָט מיר געלייענט דעם בריוו האָב איך געזען זיין שרייבער=טאַלאַנט. איך האָב געטראַכט: וויפל פרייד וואָלט זיין פעדער געקאָנט געבן קינדער און יוגנט.

אין זיין שרייבן מיט קליינע געצייכנטע אותיות האָט זיך אויך גע=פילט מאָלערישקייט. געשריבן האָט ער געפרעסט, פריי פון פוסטע פראַזן. דעם געדאַנק זיינעם האָט ער שטענדיק פאָרמולירט פשוט און קלאָר. אין דער פּאָלעמיק מיטן קעגנער איז ער געווען צולגעוועגדט. „זיין שאַרפע פען שנייַדט ווי אַ חלף — שרייבט מ. מירסקי אין זיינע קורצע שטריכן. זיין קינסטלערישע עמפינדלעכקייט האָט זיך אַרויסגעזען פון זיינע אַרטיקלען, וועלכע זענען אָפט געווען געשריבן אין עמאָציאָנעלן סטיל“. אַ[2]

מיט פאַרגעניגן האָבן אים די לעזער געלייענט. זיין סטיל האָבן זיי דערקענט אַפילו דעמלט, ווען ער האָט זיך — צוליב פּאָליצייאישע טעמים — נישט אונטערגעשריבן מיט זיין נאָמען.

* * *

געבוירן איז דוד אין טשענסטאָכאָוו אין 1897 יאָר. דער פאָטער האָט געהייסן לייב און די מאַמע — אסתר. זיינע צוויי ברידער — דער ייִנגערער און עלטערער, זענען געווען שניידער=אַרבעטער. דער ייִנגערער, אַ קאָמוניסט, האָט זיך געשניטן אויף אַ זשורנאַליסט. ביז דעם 15=טן לעבנס=יאָר (1912) האָט דוד געלערנט אין חדר און שפּעטער אין דער ישיבה. ער איז געווען אַ בקי אין ש“ס און פוסקים. נישט איינמאָל אין שמועסן מיט לערנער האָט ער ציטירט פון זכרון גאַנצע זאַצן פון רמב“ם און אַנדערע רעליגיעזע פילאָזאָפן. ער פלעגט אַרויסרופן באַוווּנדערונג מיט זיין בקיאות ביי זיינע מיטשמועסער. זיי פלעגן זאָגן: „אַ קאָמוניסט, אַ תלמיד=חכם, אַ שאָד, וואָס ער איז אַוועק פון „יידישקייט“.

אין שטוב איז מאַטעריעל געוואָרן ערגער. דער עלטערער ברודער האָט חתונה געהאַט און האָט געמוזט שפייזן זיין אייגענע פאַמיליע. דער פאָטער, אַן אַלטיטשקער, האָט שוין ווייניק פאַרדינט. מיט ווייטיק האָט דער טאַטע געמוזט געבן די הסכמה, אַז זיין דוד, דער ישיבה=בחור און

---

א[2] זע דאָרט.

תלמיד־חכם זאָל ווערן אַ פאַרדינער. זיינע קינסטלערישע פעיקייטן צו ציי־
כענען האָט אים מעגלעך געמאַכט, אַז ער זאָל אין דער מעטאַל־פאַבריק
ווערן אַ צייכענער און לאַקירער. ער האָט נישט שלעכט פאַרדינט און
אַזוי אַרום געהאָלפן זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע. אַזוי האָט ער געאַרבעט
פון 1912 ביז 1915 יאָר.

* * *

עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. אין דער פאַבריק האָט
עקזיסטירט אַן סדקפל־גרופע. פון די אַלטע רעוו. אַרבעטער באַקומט דוד
צו לייענען פאַרשידענע לעגאַלע און נישט לעגאַלע בראָשורן. אין דער
שטאָטישער אָרגאַניזאַציע פון סדקפל (גרופע „זאַזשאָנדראָווצי" — אָנהענ־
גער פון דער הויפט־פאַרוואַלטונג פון דער פאַרטיי) איז טעטיק דער לאַנג־
יאָריקער רעוואָלוציאָנערער טוער שלמה קאַנעמאַן — „גראַף", „טשער־
ווינסקי" — אַ גאַרבער־אַרבעטער. אָפט קומט ער אין דער פאַבריק. דוד
באַקענט זיך מיט אים און ווערט אַריינגעצויגן אין אַ רעוואָלוציאָנערן
אַרבעטער־יוגנט־קרייז. די אַלטע סדקפלאָווצעס גיבן אים צו פאַרשפרייטן
אומלעגאַלע ליטעראַטור, צו העקטאָגראַפירן אַנטימלחמה־אויפרופן און
אַנדערע טעכנישע אַרבעטן.

אַזוי אַרום ווערט ער אין קאַמף און דורך ריזיקאַלישער אומלעגאַלער
טעטיקייט צוגעגרייט אָרגאַניזאַציאָנעל און פּאָליטיש אַלס מיטגליד אין
דער סדקפל און אין 1915 יאָר ווערט ער אַ מיטגליד אין דער טשענסטאָ־
כאָווער אָרגאַניזאַציע. „אין דער פאַרטיי — ווי ער שרייבט אונטער אין
זיין אויטאָביאָגראַפיע — פון דזשערזשינסקי, ראָזע ליקסעמבורג און
טישקא".

דוד ווערט איינער פון די אַקטיווסטע טוער אין יידישן ראַיאָן פון
דער סדקפל־אָרגאַניזאַציע. ער ווערט אַ מיטגליד פון דער ראַיאָן־אָנפי־
רונג פון דער פאַרטיי. אונטער דער אָנפירונג פון הבר קאַנעמאַן און אַנ־
דערע חברים האָט ער אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די ערשטער לעגאַלע פראָ־
פעסיאָנעלע פאַריינס־אָרגאַניזאַציעס פון די יידישע אַרבעטער. אין רע־
זולטאַט פון זיין טעטיקייט ווערט ער פיל מאָל אַרעסטירט דורך די דייַ־
טשישע אָקופּאַנטן.

אין סוף 1916 און אין אָנהייב 1917 קומען פאָר וואַלן צו די
שטאָט־ראַטן. די סדקפל־אָרגאַניזאַציע אין לאַנד און אין טשענסטאָכאָוו
אָרגאַניזירט אַ גרויסע וואַל־קאַמפּאַניע. אין שטאָט קומען פאָר צענדלי־

קער מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. דוד איז שוין איינער פון די אַקטיווע אָרגאַניזאַטאָרן פון די מיטינגען און סדקפּלישער וואַל־אַגיטאַציע.

אין די שמועסן מיט זיינע נאָענטסטע חברים פלעגט ער דערציילן נישט וועגן זיך — דאָס איז נישט געווען זיין טבע — נאָר וועגן די גרויסע וואַל־מיטינגען מיט דער באַטייליקונג פון די באַליבטע ביי די יידישע אַרבעטער רעדנער: קאַראָלסקי־ווייצבלום פון וואַרשע, שלמה קאַנעמאַן, עמיל ביגאַ און פריהאַ[3] פון טשענסטאָכאָוו. אויף די מיטינגען אין זאַל „האַרמאָניאַ" מיט דער באַטייליקונג פון העכער 1.000 מענטשן און אויף אַנדערע, אָרגאַניזירטע דורכן שטאָטישן סדקפּל־קאָמיטעט, וווּ דוד איז געווען אַ מיטגליד, האָבן די יידישע אַרבעטער געהערט דאָס רעוו. סאָציאַל־דעמאָקראַטישע וואָרט.

נאָוועמבער 1918. די ידיעה וועגן דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד איז באַוווסט געוואָרן אין טשענסטאָכאָוו דעם 10־טן נאָוועמבער. דער אייזערנער רינג פון דער דייטשישער אָקופּאַציע האָט געפּלאַצט. דוד נעמט אָנטייל אינעם אַנטוואָפענען די אָקופּאַנטן. צוזאַמען מיט אַנדערע סדקפּל־טוער אָרגאַניזירט ער אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע אויף צו פאַרטרייבן די אָקופּאַנטן און אָרגאַניזירן אַן אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט אין טשענסטאָכאָוו און אַן אַרבעטער־מיליץ קעגן די פּרוּוון פון אייגאָרדענען אַנטי־יידישע פּאָגראָמען.

אין דער צייט איז דוד געווען איינער פון די מאַסן־טוער, ער האָט אָנגעפירט מיט די ניי־אָרגאַניזירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון שניי־דער, שוסטער, מעטאַל־אַרבעטער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע א. אַנד. ער האָט אָנגעפירט מיט די שטרייקן פון די אַרבעטער און מיט די וואַלן צום טשענסטאָכאָווער אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט.

ביי די שניידער־אַרבעטער — ביי דער אַקטיווער טעטיקייט פון דוד און קאַנעמאַנען — האָבן די קאָמוניסטן באַקומען 177 שטימען און 4 מאַנדאַטן צום אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט, בעת די „פאַראייניק־טע", בונד" און פּ. צ. צוזאַמען האָבן דערהאַלטן 233 שטימען און זייך

---

[3] וועגן קאַראַלסקי — אברהם ווייצבלום, שלמה קאַנעמאַן זע: „אונטער די פענער פון קפּפּ", זייט 354 און 366; פרידא — נישט געלונגען פעסטצושטעלן דעם ריכטיקן נאָמען.

4 מאַנדאַטן. ביי די יידישע מעטאַליסטן האָט דער „בונד“ באַקומען 23 שטימען און די קאָמוניסטן — 59 שטימען[4].

אין די שטורמישע נאָוועמבער — דעצעמבער-טעג פון 1918 יאָר ווערט דוד און אַנדערע סדקפּל-טוער אַרעסטירט דורך דער פּוילישער זשאַנדאַרמעריע, אָבער נישט אויף לאַנג. בעת ס׳קומט פאָר דער פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון פפּס-לינקע און סדקפּל, ווערט דוד צוזאַמען מיט שלמה קאַנעמאַן, זיגמונט מאָדזעלעווסקי א. אַנד. אַ מיטגליד אין דער יונגער קפּרפּ (קאָמוניסטישער אַרבעטער-פאַרטיי פון פּוילן). אין דער פאַרטיי איז ער געווען טעטיק, מיט איר האָט ער געלעבט, אונטער איר אָנפירונג האָט ער געקעמפט ביזן טראַגישן טאָג פון פאַנאַנדערלאָזן די קפּפּ.

דעם 8-טן פעברואַר 1919 קומט פאָר אין טשענסטאָכאָוו אַ קאָנפערענץ פון די קאָמוניסטן — יידן, אָרגאַניזירטע אין דער טשענסטאָכאָווער קפּפּ. אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטיילגענומען 265 חברים. דריי טעג האָט מען דיסקוטירט אַרום דעם טעטיקייטס-באַריכט, פּאָליטישער סיטואַציע, באַציונג צו אַנדערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן[5]. דוד האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אויף דער קאָנפערענץ. אין דער נייער אָנפירונג אויף צו קאָאָרדינירן די פּאַרטיי-אַרבעט אין דער יידישער סביבה האָט זיך אויך געפונען דוד ריכטער.

1-טער מאַי 1919. דער אַרבעטער-דעלעגאַטן-ראַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינע דעמאָנסטראַציע. די פּפּס האָט זיך אויסגעבראָכן פון דעם באַשלוס, דעמאָנסטרירנדיק באַזונדער.

דוד ריכטער האָט געהערט צו די אַקטיווסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דעמאָנסטראַציע אונטער די פענער פון אַרבעטער-דעלעגאַטן-ראַט.

חבר שלמה קאַנעמאַן פלעגט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אין שמועסן מיט חברים דערציילן וועגן דודס אַקטיווער ראָל אין די יאָרן 19—1918 אין טשענסטאָכאָוו און אין דער 1-טער מאַי-דעמאָנסטראַציע אין 1919 יאָר. אויף איינער פון די זיצונגען פון צענטראַלן קאָמיטעט פון פּזפּר האָט חבר זיגמונט מאָדזעלעווסקי אין אַ שמועס מיט מיר צווישן אַנדערן

---

[4] „אונדזער וועג“ — אָרגאַן פון די „פּאַראַייניקטע“, דעצעמבער 1918, נומ. 5, אַרכיוו, אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי-געשיכטע. מיקראָפילם אַפּט. II.

[5] „קאָמוניסט“ — אָרגאַן פון גענגט-קאָמיטעט פון קפּרפּ פון זאַגלעמביע פון 2-טן מערץ 1919, זייט 22—23 (אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי-געשיכטע. אַפּטייל 2). די רעזאָלוציעס פון דער באַראַטונג זענען נישט פאַראַן.

דערציילט וועגן דוד ריכטער און זיין צוזאַמענאַרבעט מיט אים. אין דעם שמועס האָט מיר חבר מאָדזעלעווסקי דערציילט וועגן אָרגאַניזירטן דורך די קאָמוניסטן ווידערשטאַנד קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס אין טאָג פון 27 מאַי 1919, ווען עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן 5 יידן און 9 פאַרוואונדעט. פון זיי זענען 2 געשטאָרבן אין שפּיטאָל. אין דעם אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד האָט אַ באַדייטנדיקן אָנטייל גענומען דוד ריכטער.

דוד איז אויך טעטיק צווישן די 4000 אַרבעטסלאָזע אין טשענסטאָכאָוו און ווערט נישט איינמאָל רעפּרעסירט מצד די נייע פּוילישע בורזשואַזע מאַכטהאָבער

קאָמוניסטן האָבן פאַרבונדן נישט לעגאַלע מיט לעגאַלער טעטיקייט. אין טשענסטאָכאָוו איז אָרגאַניזירט געוואָרן א לעגאַלער קלוב א. נ. פון מאַרטשין קאַספּזשאַק. דאָרט האָבן זיך געזאַמלט די יידישע און פּוילישע אַרבעטער. דוד, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן, ווערט סעקרעטאַר פון קלוב. אין יענער צייט איז דער קלוב געווען אַ צענטער פון פּאָליטישער און קולטורעלער מאַסן־אַרבעט פון דער פּאַרטיי.

* * *

די פּוילישע פּילסודסקי־אַרמיי פאַלט אָן אויפן ראַטנפאַרבאַנד. די קאָמוניסטן פירן אַן אַגיטאַציע קעגן דער אימפּעריאַליסטישער אַגרעסיע פאַר פאַרטיידיקן די יונגע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק. אין טאָג פון 1־טן מאַי 1920 קומט פאָר אין טשענסטאָכאָוו אַ גרויסער מאַסן־מיטינג. דוד איז אַקטיוו אין דער דאָזיקער אַנטימלחמה־טעטיקייט און אין רעזולטאַט דערפון ווערט ער אַרעסטירט און פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קיין דאָמביע, הינטער קראָקע.

דאָרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער טרעפט זיך דוד מיט פיל אָנפירנדיקע פּאַרטיי־פּערזענלעכקייטן — געוועזענע סדקפּלאָוצעס און געוו. לינקע פּפּסאָווצעס. ביי זיי האָט דוד פיל געלערנט די מאַרקסיסטישע טעאָריע און פּראַקטיק. דוד האָט געהאַט ביי וועמען זיך צו לערנען. די בעסטע קאָמוניסטישע טוער האָבן זיך געפונען דעמלט אין דאָמביע.

נאָך 7, 8 חדשים פאַרברענגען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, איז ער אין סוף יאָר 1920 באַפרייט געוואָרן. אין טשענסטאָכאָוו טרעפט ער אַ צעבראָכענע אָרגאַניזאַציע. אַ סך זענען אין תפיסה. אַ ריי קאָמוניסטן אין מיליטער און פיל האָבן געמוזט אַנטלויפן. די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס זענען פאַרמאַכט. דוד וואַרפט זיך גלייך אַריין אין דער פּאַר־

טיי־טעטיקייט. ער זאַמלט די איבערגעבליבענע און די צוריקגעקומענע. צוזאַמען מיט אַנדערע אָרגאַניזירט ער די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין די פּאַרייגען און פאַבריקן. עס ווערט אָרגאַניזירט דער שטאָטישער און ראַיאָן־קאָמיטעט.

אין 1920 איז נאָך גאָרדין־לענאָוויטש נישט געווען קיין מיטגליד אין דער קפּפּ. ער איז שוין געשטאַנען — ווי ער שרייבט — פעסט אויפן גרונט פון דער סאָציאַליסטישער רוסישער רעוואָלוציע און קאָמינטערן. ער פלעגט שטיין אין קאָנטאַקט מיט די קאָמוניסטישע טוער קאַראָלסקי־ווייצבלום און קאָוואַלסקי.[6] אין סוף 1920 האָט ער זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל מיט דוד ריכטערן.

„איך האָב געוווסט וועגן דודס סדקפּלישקייט. שמועסנדיק מיט אים האָב איך פאַרטשעפעט, אַטאַקירט און קריטיקירט די באַציונג פון דער סדקפּל צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און באַזונדערס דעם „ניהי־ליזם" צו דער יידישער קולטור. צו מיין שטוינונג האָט ריכטער באַוויזן אַן אויסערגעוויינלעך געפיל פון זעלבסטקריטיציזם און קעגנזאַץ צו אַנ־דערע, וועלכע פלעגן אונטערשמייכלען אין אַזעלכע פאַלן. איך האָב זיך גלייך מיט ריכטערן באַפריינדעט אינטעלעקטועל און פּאָליטיש".[7]

מיט ריכטערן האָט גאָרדין געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך אין איי־נעם פון די גרונט־פּראָבלעמען פון לעניניזם — אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אין אַ יאָר שפּעטער האָט זיך גאָרדין געפונען אין דער קפּרפּ אין צוזאַמען מיט ריכטערן געפירט אַ פּאָליטישע טעטיקייט.

אין די יאָרן 1921—1922 איז דוד טעטיק אין שטאָטישן און אין געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אין 1921 יאָר, בעת דער דיסקוסיע אין „בונד" און דעם אַנטשטיין פון „קאָמבונד" אין טשענסטאָכאָוו, האָט דוד ריכטער זיך געשטעלט אין

---

[6] קאָוואַלסקי, וולאַדיסלאַוו (פּסעווד. „גזשעד", „שלוסאַרסקי"), געבוירן אין 1886, מיטגליד פון דער פּפּס פון 1906 יאָר, שפּעטער פון פּפּס לינקע. אין 1916 יאָר האָט ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע מיטגלידער פון דער וואַרשע־ווער אָרגאַניזאַציע דורכגעפירט אַ שפּאַלטונג אין דער פּפּס לינקע און זיך אָנגעשלאָסן אין דער סדקפּל. פון 1918 ביזן 1922 יאָר — מיטגליד פון צ. ק. פון דער קפּרפּ. פון 1922 יאָר — אויף עמיגראַציע אין ראַטנפאַרבאַנד.

[7] דוד ריכטערס פּערזענלעכע טעטשקע סיגנ. 8988 — אינסט. פאַר פּאַרטיי־געשיכטע.

קאָנטאַקט מיט די לינקע בונדיסטן. ער גיט זיי מאַרקסיסטישע ליטעראַטור, באַהאַנדלט מיט זיי צוזאַמען די פּראָבלעמען, וועלכע ווערן אַרומגערעדט אויף זייערע פּאַרטיי-פאַרזאַמלונגען. דוד האָט זיי געהאָלפן אָרגאַניזירן זיך אין דער קאָמוניסטישער פראַקציע. נאָך דער שפּאַלטונג אין „בונד“ האָט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו זיך אָנגעשלאָסן אין „קאָמבונד“ און שפּעטער אַריבער אין דער קפּפּ. די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרשטאַרקט און איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר צווישן די יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע.

* * *

עס גרייטן זיך וואַלן צום צווייטן פּוילישן סיים. די קפּרפּ האָט ליקווידירט די פאַלשע איינשטעלונג פון באָיקאָט, ווי בעת די וואַלן צום ערשטן סיים אין 1919 יאָר. דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי מאָביליזירט די בעסטע כוחות צו דעם וואַל-קאַמף. אויך דוד ריכטער איז צווישן די מאָביליזירטע.

ביים אַלפּוילישן וואַל-קאָמיטעט פון „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“ ווערט געגרינדעט אַ יידישער סעקטאָר. דוד ווערט באַשטימט אַלס סעקרעטאַר פון יידישן סעקטאָר און רעדאַקטאָר פון די יידישע דרוק-אויסגאַבן. צווישן אַנדערע איז ער רעדאַקטאָר פון דער „טאָג-צייטונג“ — געווידמעט דער וואַל-אַקציע צום סיים אין 1922 יאָר. ער אַרבעט דעמלט אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון חבר יוסף לעוואַרטאָווסקי, דעם דעמלטיקן סעקרעטאַר פון צענטראַלן יידישן ביוראָ, סאַול אַמסטערדאַם-הענריקאָווסקי, יצחק גאָרדין-לענאָוויטש, גרשון דואַבאָגען, יוליאַן מאַיסקי (סעקרעטאַר פון דער יידישער פּאַרטיי-רעדאַקציע ביים צ. יי. ב.) פּינקוס בוקסהאָרן-יולסקי א. אַנדערע.

חבר יצחק גאָרדין האָט דירעקט זיך פאַרנומען מיט דער אַלגעמיינער וואַל-פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע און דורך דעם אָפט זיך געטראָפן מיט דודן. אָט וואָס ער שרייבט:

„ווען מיר זענען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן פּעריאָדישע און נישט פּעריאָדישע אויסגאַבן אויך אין דער יידישער שפּראַך, האָט דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי אַרויסגערופן ריכטערן קיין וואַרשע. ער איז געווען אַ טעטיקער מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר פון אַלע לעגאַלע (צייטונ-

זוין אויך נישט לעגאַלע) אויסגאַבן אין דער יידישער שפּראַך". אין יצחקס קורצער כאַראַקטעריסטיק לייענען מיר:

„ער (דוד — ש. ז.) איז געווען אַן אַלזייטיק־פּעיקער מענטש, גלענצנד זיך אָריענטירט אין אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע פּראַגן, גוט זיך געקענט אויף דער שיינער ליטעראַטור, באַזיצט אַ לייכט־פאַרדייענדיקן פּובליציסטישן סטיל, באַליבט ביי אַלע, אומבאַגרענעצט איבערגעגעבן און אַ דיסציפּלינירטער קאָמוניסט".[8]

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען די ערשטע אין פּוילן פאַראייניקונג פון יידישן און פּוילישן פּראָפ. פאַריין פון דער לעדער־אינדוסטריע. דער סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. און דאָס וצ. ייד. ב. האָט געהאַלטן פאַר דעם פּאַסיקסטן קאַנדידאַט דעם חבר דוד ריכטער אַלס סעקרעטאַר פון פאַראייניקטן פּראָפּ. קלאַסן־פאַריין פון די לעדער־אַרבעטער אין לאָדזש. אין 1924 יאָר איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון פּראָפּ. קלאַסן־פאַריין פון די שניידער־אַרבעטער אין לאָדזש.

דער חבר מיכאַל טעפּער אין זיינע זכרונות שרייבט:

„אין דער שפּיץ פון דעם באַרימטן נאָדל־פאַריין האָבן זיך געפונען אַלטע אַרבעטער־טוער: יהושע קאָלטון, ברייטשטיין, מענדל גאָלדמאַן, דער יונגט־טוער מאיר גראַבינאַ און דער אומפאַרגעסלעכער און אומדערמידלעכער דוד ריכטער אַלס פאַריין־פונקציאָנאַר".[9]

אין נומער 53 (1924 יאָר) פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל פול מיט נישט אמתן קעגן רעוואָלוציאָנערן מאַסן־פאַריין (1400 מיטגלידער) און זיינע טוער פון די לאָדזשער יידישע שניידער־אַרבעטער.

אין דער לעגאַלער קאָמוניסטישער צייטונג „דאָס לעבן" איז אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון דער פאַרוואַלטונג פון פאַריין אַלס ענטפער. דער בריוו אָנגעשריבן דורך ריכטערן, קלערט אויף און איבערצייגט מיט פאַקטן די אמתע כוונות פון די רעכטע בונדישע פירער.

דער בריוו איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף די פאַרזאַמלונגען — רעפערירט דורך דוד'ן און אַנדערע.[10]

---

8 זע דאָרט.

9 זע זאַמלונג „אונטער די פענער פון קפּפּ" — אויסגאַבע פון „קשאָנזשקאַ אי וויעדזאַ" 1959, זייטן 179—169.

10 „דאָס לעבן" נומ. 11, 28־טן מערץ 1924. דער בריוו פון 1־טן מערץ איז אונטערגעשריבן דורכן פאָרזיצער מ. גאָלדמאַן. סעקרעטאַר ד. ריכטער.

דוד האָט נישט בלויז אָנגעפירט די פּאַריינס=אַרבעט. אין דער זעלבער צייט איז ער אויך טעטיקט געווען אין דעם יידישן ביוראָ ביים געגנט=קאָמיטעט פון דער קפפ אין לאָדזש.

עס קומען פּאַר וואַלן צו דער לאָדזשער קראַנקן=קאַסע (אַפּריל, 1924). דוד נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל, באַזונדערס ביים שרייבן און רעדאַגירן וואַל=אויפרופן און די איינמאָליקע אויסגאַבע „וואַל=בלאַט". אין דער לעגאַלער פּאַרטיי=צייטונג „דאָס לעבן" שרייבט דוד וועגן פּראָפּ=פאַריין=טעטיקייט און וועגן די שטרייק=קאַמפן אין די יאָרן אין לאָדזש.

אין רעזולטאַט פון זיין רעוואָלוציאָנערער מאַסן=טעטיקייט ווערט ער אין סוף 1924 יאָר אַרעסטירט און מערדערלעך געפּייניקט אין דער באַקאַנטער לאָדזשער דעפענסיווע. מיט צאָרן האָבן די לאָדזשער אַרבעטער פּראָטעסטירט קעגן דעם אויף זייערע פאַרזאַמלונגען. די קאָמוניסטישע סיים=פראַקציע — די דעפּוטאַטן קרוליקאָווסקי און לאַנצוצקי — האָבן וועגן די פּייניקונגען אַריינגעטראָגן אַן אינטערפּעלאַציע.[11]

דוד ריכטער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 4 יאָר שווערע תפיסה. אין זיינע געריכטס=אַקטן לייענען מיר:

„דוד ריכטער. אָנגעקלאָגט אויפן גרונט פון אַרטיקל 102, 1 טייל, סעקרעטאַר פון פּראָפּ. פאַריין פון די שניידער=אַרבעטער „איגלאַ" אין לאָדזש. אין דער ווירקלעכקייט איז ער דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער „יאַטשעיקאַ" אין דעם פאַריין" (איבער=געזעצט פון פּויליש — ש. ז.) אין דער באַגרינדונג, אַז ער דאַרף באַקומען תפיסה זאָגט זיך:

„אין פאַרבינדונג מיט זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט דוד אונטערגעהאַלטן ענגע קאָנטאַקטן מיט די באַקאַנטע אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער אַקציע אין לאָדזש" (איבערגעזעצט פון פּויליש).[12] קיין קאָנקרעטע באַווייזן האָט אָבער דאָס געריכט נישט געהאַט. די גאַנצע באַשולדיקונג האָט זיך געשטיצט אויף די פּאָליציי=אַגענטן — באָלעסלאַוו שאַלקאָווסקי, עמיל טשאַבאַנסקי און מיעטשיסלאַוו קאַפּיטש — די, וועלכע האָבן אים געפּייניקט.

---

11 די סיים=אינטערפּעלאַציע איז נישט פאַראַן אין אַרכיוו פון אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי=געשיכטע און אויך נישט אין סיים=אַרכיוו.

12 אַרכיוו פון אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי=געשיכטע ביים צ. ק. פּזפּר, דוראַטש=אַרכיוו, סיגנאַטור 333.

אין אָרגאַן פון צ. ק. פון „מאָפּר“ ווערט דערציילט, אַז דוד האָט אויך איבערגעשיקט אַן אָנקלאַגע צום פּראָקוראָר אין לאָדזש. אין דער אָנקלאַגע האָט ער געגנוי באַשריבן ווען און פון וועלכע פּאָליציי־לייט ער איז געפּייניקט געוואָרן. אין דער אָנקלאַגע פאָדערט ער צו משפּטן יענע פּייניקער. [13] לגבי דעם אורטייל האָט דוד אַפּעלירט צו דער צווייטער אינסטאַנץ, וועלכע האָט אים באַפרייט צוליב מאַנגל פון באַווייזן.

נאָך 13 חדשים איז דוד ווייטער אויף דער פריי און צוריק אין די קעמפנדיקע רייען פון קפּפּ.

*   *   *

אין אָנהייב 1926 יאָר איז אַרעסטירט געוואָרן דער חבר גוטמאַן־זעליקאָוויטש,[14] דער געג. סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון די לינקע שנייַדער־פאַראיינען. דער סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. און די צענטראַלע פראַפּ. אָפּטיילונג ביים צ. ק. באַשטימען דעם חבר דוד אַלס געג. סעקרעטאַר אויף גוטמאַן־זעליקאָוויטשעס אָרט. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג און די אין איר אָנגעשלאָסענע פאַראיינען האָבן געהאַט אויסצושטיין אומאויפהערלעכע רעפּרעסיעס. רעוויזיעס אין לאָקאַל פון דער צענטראַלע און אין די פאַראיינען זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אין די באַדינגונגען האָט דער צ. ק. באַשלאָסן אָפּצורופן דודן פון דער אַרבעט, כדי נישט צו שעדיקן די לעגאַלקייט אין די אויגן פון דער פּאָליציי. דוד גייט אַריבער אויף אויסשליסלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. ער ווערט אַ מיטגליד אין דער צענטראַלער יידישער פּאַרטיי־רעדאַקציע. ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער לאַנד־באַראַטונג פון די פּאַרטיי־טוער אין דער יידישער סביבה, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דאַנציק.[15]

ער איז אויך טעטיק אין דער צענטראַלער פּראָפּ. אָפּטיילונג ביים צ. ק. פון דער קפּפּ, און מצד איר באַזוכט ער אַ ריי פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אויף מערב־אוקראַינע. אין דעם דאָזיקן יאָר (1926) איז דוד

---

[13] „Więzień Polityczny“, אָרגאַן פון צ. ק. פון „מאָפּר“ — מאַי — יוני, 1925, נומ. 4—3. אינסט. פאַר פּאַרטיי־געשיכטע אָפּט. 2.

[14] זע — „אונטער די פענער פון קפּפּ“, ז. 346.

[15] אין 1926 יאָר איז פאָרגעקומען צוויי יידישע לאַנד־באַראַטונגען אין דאַנציק: אין מערץ און אין סעפּטעמבער. דוד ריכטער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט נישט, וועלכע פון די צוויי באַראַטונגען ער מיינט.

אַ געוויסע צייט מעטיק אַלס סעקרעטאַר פון צ. ייד. ב. ביים צ. ק. פון מערב-ווייסרוסלאַנד.

ער באַזוכט אָפט די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס אין ווילנע, גראָדנע, ביאַליסטאָק, פּינסק, בריסק און אַנד.

אין דער לעגאַלער איינמאָליקער אויסגאַבע פון קפּפּ — אינפאָרמירט דוד ריכטער וועגן די וואַלן צום שטאָט-ראַט אין בריסק. אין דעם אַרטיקל דערציילט ער, אַז די פּפּס האָט זיך אויסגעבראָכן פון אייגנהייטלעכן פראָנט צו די וואַלן, ווייל דער צ. ק. וו. האָט פאַרווערט צו גיין מיט די קאָמוניסטן צוזאַמען. דער „בונד“, לינקע און רעכטע פּועלי-ציון זענען אַרויסגעטראָטן פון שוין-עקזיסטירנדיקן אייגנהייטלעכן וואַל-קאָמיטעט, ווייל דער ראַט פון די בריסקער פּראָפ. פאַריינען איז פאַרטראָטן אינעם אייגנהייטלעכן וואַל-קאָמיטעט.[16]

אָנהייב 1927 געפינט זיך דוד ווידער אין וואַרשע און איז טעטיק אין דעם צ. ייד. ב. און אין דער צענטראַל- ייד. רעדאַקציע. נאָך אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע.

אין יענער צייט קומט פאָר די פאַראייניקונג פון די צוויי עקזיסטירנדיקע צענטראַלעס פון די שניידער-פאַריינען. דוד איז אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער צוגרייטונג פון די לינקע פאַריינען צום פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר.

אונטער זיין רעדאַקציע גיט אַרויס די לינקע אָפּאָזיציע אַ ריי אייגמאָליקע אויסגאַבן אונטער פאַרשידענע נעמען אין לאָדזש, פּיעטריקאָוו א. אַנד. אין דעם אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי-געשיכטע ביים צ. ק. פון פּזפּר געפינען זיך נאָך צוויי איינמאָליקע אויסגאַבן: „דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער“ (געווידמעט די אינטערעסן פון די אַרבעטער אין דער באַקליידונגס- און לעדער-פאַריינען) פון 21-טן פעברואַר 1927 יאָר און „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן“ פון 21-טן אַפּריל 1927 יאָר. די צייטונגען

---

[16] זע „וואָכנבלאַט“ פון יוני 1926. אינסט. פאַר פּאַרטיי-געשיכטע. אין דעם ראַט זענען געווען אָנגעשלאָסן: פּראָפ. פאַריינען פון באַן-אַרבעטער, מעטאַל- (פּוילישע), בוי, דערנערונג, (געמישטע), שניידער, לעדער, מעטאַל, האָליץ, האַנדלס-אָנגעשטעלטע (יידישע) און אַנד. די קאָנפערענץ פון די פאַריינען (האַנדלס-אָנגעשטעלטע קעגן) האָט באַשלאָסן אַרויסצושטעלן אַ וואַליסטע מיט די לינקע פּפּס און אוקראַינישן פויערים-פאַרבאַנד. די קאָמוניסטן האָבן באַקומען 2400 שטימען (ביי די פריערדיקע וואַלן — 1640), פּפּס — 540; פריער — 1200. זע אויך „Чырвоны Сцяг”, 1926, נומ. 7.

זענען לעבעדיק רעדאַגירט און האָבן פֿיל מאַטעריאַל פֿון לעבן און קאַמף פֿון די שניידער- און לעדער-אַרבעטער. דער נומער „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן" איז געווידמעט אויסשליסלעך דעם פּראָבלעם פֿון פֿאַראייניקונג פֿון דער פּראָפ. באַוועגונג און דער פֿראַגע פֿון פֿאַראייניקונגס-צוזאַמענפֿאָר פֿון באַקלייד-פֿאַרייגען.[17]

אין 1927 יאָר קומען פֿאָר וואַלן צו די שטאָט-ראַטן אין אַ ריי גרעסערע שטעט אין פּוילן. חבר דוד ווערט באַשטימט פֿאַר אַ מיטגליד אין דער צענטראַלער אָפּטיילונג פֿון זעלבסטפֿאַרוואַלטונג-ענינים ביים צ. ק. פֿון דער קפּפּ. ער האָט געשריבן און רעדאַגירט אויפֿרופֿן און וואַל-בלעטער, פֿאָרט אָפֿט מיט פּאַרטיי-שליחות קיין לאָדזש און אַנד. שטעלט צו הילף די דאָרטיקע חברים. אין וואַרשע און אין לאָדזש זענען די קאָמוניסטישע וואַל-ליסטעס געפּסלט געוואָרן. דאָך האָבן 77 טויזנט אַרבעטנדיקע אין וואַרשע און 58 טויזנט אין לאָדזש געשטימט אויף דער געפּסלטער ליסטע „לעוויצאַ ראָבאָטניטשאַ".

אין יענער צייט האָב איך זיך אָפֿט געטראָפֿן מיטן חבר דוד. ער פֿלעגט דערציילן וועגן די שוועריקייטן זיינע. ווערנדיק געזוכט פֿון דער פּאָליציי, האָט ער געמוזט זיין נע ונד און זיך איבערוואַרפֿן פֿון איין וווינונג אין אַ צווייטער, נישט געווען זיכער מיטן מאָרגן, דאָך האָט ער נאָך דער שווערער וואַל-אַרבעט מיט צופֿרידנקייט אָפּגעשאַצט דעם פּיינעם רעזולטאַט פֿאַר דער קפּפּ.

בעת דער דיסקוסיע אין דער פּאַרטיי, אינעם רעזולטאַט פֿון מאַיפּעלער, האָט דוד געהערט צו דער א. ג. גרופּע „מינדערהייטלער". אין דער צייט פֿון 4 פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָר, האָט ער געאַרבעט אין דער צענטראַלער ייד. רעדאַקציע.

ער האָט באַקומען פֿון צ. ק. עטלעכע טעג אורלויב און געפֿאָרן צו דער פֿאַמיליע קיין טשענסטאָכאָוו. די פּאָליציי האָט זיך דערוווסט און אים אַרעסטירט. געווען איז דאָס אין סעפּטעמבער 1927. קיין קאָמפּראָמיטירנדיקע מאַטעריאַלן האָט די פּאָליציי ביי אים נישט געפֿונען און נאָך קנאַפּע דריי חדשים (ביי גרויסע באַמיונגען פֿון זיין פֿרוי) איז דוד באַפֿרייט געוואָרן.

---

17 נישט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצומערקן קריטיש איינשטעלונגען און פֿאָרמולירונגען אין די רעדאַגירטע דורך דודן מאַטעריאַלן, איינשטעלונגען, וועלכע האָבן געהאַט אַן אָרט בכלל אין דער פּאַרטיי.

אין זיינע אַקטן פֿון דער פּיעטרקאָווער תּפֿיסה דערוויסן מיר זיך וועגן דער מאַניפֿעסטאַציע פֿון די פּאָליט. אַרעסטירטע אין טאָג פֿון 7־טן נאָוועמבער צום 10־טן יאָרטאָג פֿון דער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און וועגן דעם אַקטיוון אָנפֿירנדיקן אָנטייל פֿון חבר ריכטער. דוד און אַנדערע זענען צוליב דעם איזאָלירט געוואָרן אויף עטלעכע טעג אין קאַרצער (פֿינצטערע צעלע), זיי האָבן אויך באַקומען אַנדערע אַדמיניסטראַטיווע שטראָפֿן.[18]

אַ קורצע צייט האָט ער פֿאַרבראַכט מיט דער פֿאַמיליע אין טשענסטאָכאָוו און זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פֿון צ. ק.

פֿון דעצעמבער 1927 און דאָס גאַנצע יאָר 1928 איז דוד אין וואַרשע. ער איז טעטיק אין צענטראַלן יידישן ביוראָ און אין דער צענטראַלער יידישער רעדאַקציע. ער רעדאַגירט די לעגאַלע פּאַרטייאישע וואָכנצייטונג „דער מאָרגן" און „אונדזער וואָרט". אויסער רעדאַקציע־אַרבעטן אין די לעגאַלע צייטונגען רעדאַגירט ער אויך דעם אומלעגאַלן צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „צום קאַמף", פּאַרטיי־אויפֿרופֿן און שרייבט אַליין פֿיל אַרטיקלען אין פּאַרטיי־אויסגאַבן. ער באַדינט אָרגאַניזאַציאָנעל און פּאָליטיש אַ ריי אָרטיקע ייד. ביוראָען.[19]

אין אָנהייב 1929 יאָר איז דוד צום 4־טן מאָל אַרעסטירט געוואָרן, אָבער דאָס מאָל שוין אויף אַ לענגערער צייט, ער איז פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף דריי יאָר שווערער תּפֿיסה. אָנשטאָט דריי יאָר פֿאַרברענגט ער אין די תּפֿיסות 3½ יאָר — ווי ער שרייבט אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע.[20]

---

[18] צענטראַלער אַרכיוו פֿון אינערן־מיניסטעריום (מ. ס. וו.) אַקטן פֿון פּיעטרקאָווער תּפֿיסה, סיגנ. 1132.

[19] אין דער צייט האָט דוד ריכטער מצד דער צענטראַלער יידישער פּאַרטיי רעדאַקציע און דעם ייד. ב. מיטגעהאָלפֿן מיט געשריבענע מאַטעריאַלן און רעדאַקציע. — די צייטונג „פֿריידענקער", אַרויסגעגעבן אין לאָדזש אין אָנהייב אַלס חודש־אויסגאַבע און שפּעטער אַלס וואָכן־צייטונג. די צייטונג איז דערשינען 2 יאָר צייט. זע: מיכאַל טעפּער וועגן פּיווול בערלינער, זייט 80 (מאַנוסקריפּט, פֿאַרלאַג „יידיש בוך").

[20] וואַרשיינלעך איז דוד געזעסן 6 חדשים מער, ווי דער אורטייל האָט געלויטעט, ווייל מען האָט אים נישט פֿאַררעכנט די צייט ביזן פּראָצעס, אָדער ווייל מען האָט אים נישט פֿאַררעכנט די צייט פֿון דער ערשטער ביז דער צווייטער אינסטאַנץ.

ער זיצט אין דער װאַרשעװער תּפֿיסה „פּאַװיאַק“ און אין דער איזאָלאַציע־תּפֿיסה — אין װראָנקי.

אין װראָנקי, און אין די פֿריערדיקע יאָרן אין לאָדזש, איז דוד געװען סטאַראָסטע פֿון דער קאָמונע. אין פּאַװיאַק און פּיעטרקאָװ — דעלעגאַט פֿון אָפּטײלונג. נישט אײנמאָל איז אים אויסגעקומען צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער תּפֿיסה־אַדמיניסטראַציע און פּראָקוראָרן אין קאַמף פֿאַר בעסערע באַדינגונגען פֿאַר די פּאָליט. אַרעסטירטע. ער האָט געהערט צו דער אָנפֿירונג פֿון די פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציעס אין די תּפֿיסות. נישט געקוקט אויף די שװערע תּפֿיסה־באַדינגונגען, האָט ער אויסגענוצט אַלע מעגלעכקײט זיך צו לערנען און מיט אַנדערע. אין זײנע תּפֿיסה־יאָרן האָט ער אויך דורכגעמאַכט דרײ הונגער־שטרײקן.

* * *

אין די יאָרן 1932—1935 איז דודן געװען גענוג שװער אין זײן טיף־אונטערערדישער פּאַרטײ־טעטיקײט. דער פּראָצעס פֿון פֿאַשיזאַציע אין מלוכה־לעבן האָט זיך אויסגעברײטערט און פֿאַרטיפֿט, באַזונדערס נאָך דער היטלער־איבערקערעניש אין דײטשלאַנד. דער טעראָר איז געשטיגן. לינקע פּראָפֿ. פֿאַרײנען און אינסטיטוציעס זענען געשלאָסן געװאָרן. די אַרעסטן לגבי די רעװאָלוציאָנערע אַרבעטער און טוער זענען געװען אַ מאַסן־דערשײנונג.

אין רעזולטאַט פֿון די פֿילמאָליקע אַרעסטן און יאָרן תּפֿיסה, דערונטער דרײ הונגער־שטרײקן, איז דוד שטאַרק אויסגעמאַטערט. ער האָט קײנמאָל נישט לאַנג אָפּגערוט. אַ קורצע צײט זיך געפֿרײט מיט דער פֿאַמיליע און װידער אין דער צענטראַלער אָנפֿירנדיקער פּאַרטײ־טעטיקײט אין דער יידישער סביבה. די שרעקלעכע װױנונגס־באַדינגונגען, דאָס כסדרדיקע איבערטראָגן זיך פֿון אײן מעלינע אין דער צװײטער, כּדי אויסצומײדן דאָס פּאָליצײאישע אויג, האָט געלאָזט היפּשע שפּורן אין זײן געזונט־צושטאַנד.

חברים, באַזונדערס חברטעס האָבן גערן דודן געהאָלפֿן מיט דירות. דאָס האָט אים פֿאַרלײכטערט, אָבער נישט אײנמאָל האָט ער זיך פֿאַרקלאָגט אויף די שװידערלעכע באַדינגונגען אין דער אַרבעט, כּדי צו דערפֿילן די געשטעלטע פֿון דער פּאַרטײ אויפֿגאַבן

די יאָרן זענען געווען שווערע אויך דערפאַר, ווייל געוויסע חברים האָבן זיך געבראָכן, אַנדערע האָבן אָרגאַניזירט טראָצקיסטישע און אַנדערע אַנטיפּאַרטייאישע גרופּן.[21]

דוד האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע איינהייט פון דער פּאַרטיי. אין די יאָרן 1939—1941 אין סאָוועטישן ביאַליסטאָק, שמועסנדיק מיט מיר וועגן די שווערע פאַרגאַנגענע יאָרן, האָט ער געזאָגט:

„אמת, אויך איך האָב געהאַט ספקות אין אַ ריי פּאַרטיי־איינשטעלונגען, אָבער די פּאַרטיי־איינהייט, ראַטנפאַרבאַנד, אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט איז פאַר מיר געווען אַ הייליקייט. דעריבער איז מיין קאַמף געווען אָן באַוואָרעניש קעגן די טראָצקיסטישע שפּאַלטער און שעדיקער".

אין קאַמף קעגן טראָצקיזם ווידמעט דוד פיל צייט. ער שרייבט אַרטיקלען, טעזן, רעדאַגירט אַנטיטראָצקיסטישע בראָשורן. באַזונדערס איז וויכטיק אָנצומערקן דאָס זאַמלבוך „די געשיכטע פון אַ פאַלשער טעאָריע", וווּ עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַרטיקלען וועגן וועזן און אַנטוויקלונג פון טראָצקיזם — פון סטאַלינען, יעזשי רינג, שלמה לעווין, פּנחס שטיינשטאַל, מנשה געלמאַן און דוד ריכטער (לייב ראַטנער). אין דודס אַרטיקל „דער שלום־אַקאָרד"[22] אַנאַליזירט ער דעם טראָצקיזם און זיינע פּרוּוון צו שאַפן אַ פערטן אינטערנאַציאָנאַל. דוד דעמאַסקירט דאָס אַרטיקל פון טראָצקין: „די קלאַסן־נאַטור פון דער סאָוועטישער מלוכה". אין דעם אַרטיקל רופט טראָצקי צו ענדערן די אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד „נאָר מיט קראַפט". ריכטיק טייטשט דאָס אוים דוד אין זיין פּאָלעמיק, אַז דאָס וואָס טראָצקי שרייבט, באַדייט אַ בירגער־קריג קעגן ראַטנפאַרבאַנד און ער פרעגט: וועמענס אינטערעסן דינט טראָצקי מיט זיינע אַרטיקלען? דודס אַנטיטראָצקיסטישע אַרטיקלען זענען געווען בייסיק און שאַרף.

---

[21] די דאָזיקע גרופּן זענען געווען קליינע אין דער צאָל און נאָך שוואַכער אין דער אויסווירקונג צווישן די אַרבעטער. אַ טייל פון די גרופּן, באַזונדער די „פירער" פון זיי איז לסוף אַוועק צום „בונד", פּועלי־ציון, אָדער צו דער פּפּס, אַ טייל פון די אַזויגערופענע אַביסטן זענען געקומען צוריק אין דער פּאַרטיי.

[22] איבערגעדרוקט אין דער לעגאַלער קאָמוניסט. צייטונג „אונדזער שטימע", 1 דעצעמבער, שעדלעץ, אינסט. פאַר פּאַרטיי־געשיכטע.

אין דער צייט איז פֿאָרגעקומען א לאַנד באַראַטונג פֿון די יידישע פּאַרטיי־טוער.[23] דוד ריכטער האָט נישט באַוויזן צו זיין אויף דער באַראַטונג. פֿון תפיסה איז ער באַפרייט געוואָרן נאָך דער באַראַטונג. ער האָט אָבער יאָ באַוויזן מיטצואַרבעטן ביים רעאַליזירן די אָנגענומענע באַשלוסן און רעזאָלוציעס.

אין „צום קאַמף“ פֿון יאַנואַר 1933,[24] ווען דוד איז געווען ביי אַקטיווער רעדאַקציע־אַרבעט און אין צ. ייד. ב. האָבן מיר אַ ריי אַרטיקלען, וועלכע פּאָפּולאַריזירן די אָנגענומענע באַשלוסן. אָט זענען עטלעכע בלויז אין יאַנואַר־נומער:

1. „אינטערנאַציאָנאַליזירן אונדזער גאַנצע אַרבעט — דער צענטראַלער געבאָט פֿון דער פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סביבה“.

2. „די פּראָפֿ. אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער און די באַשלוסן פֿון דער יידישער באַראַטונג און פֿון 6 פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר.[25]

3) „די אַרבעט צווישן קליינבירגערטום און די באַשלוסן פֿון דער יידישער באַראַטונג פֿון קפּפּ“.

צום ערשטן מאָל איז אין דער פּאַרטיי־פּרעסע פֿאָרמולירט געוואָרן די אויפֿגאַבן פֿון קפּפּ צווישן יידישן קליינבירגערטום, אַלס פֿאַרבינדעטער פֿון אַרבעטער־קלאַס. אָט וואָס מיר לייענען אין דעם אַרטיקל.

„דער קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג איז יענער באָדן, וואָס שאַפֿט אַ זייער גינסטיקע מעגלעכקייט פֿון איינהייטלעכן פֿראָנט אונטער דער פּראָלעטאַרישער אָנפֿירונג פֿון די אַרבעטער־מאַסן מיט די קליינבירגערלעכע מאַסן“.

אין דעם אַרטיקל פֿאָרמולירט דער אויטאָר אַ ריי עקאָנאָמיש־ווירטשאַפֿטלעכע לאָזונגען פֿאַר מאָביליזירן די יידישע אָרעמקייט קעגן ווירטשאַפֿטלעכן אַנטיסעמיטיזם, קעגן אַנטי־יידישן באָיקאָט, קעגן די שטייערן־לאַסטן, קעגן די עקסמיסיעס פֿון די אַרבעטער און אָרעמע לאָקאַטאָרן,

---

[23] ווי חבר יוליאַן מייסקי גיט איבער, איז די באַראַטונג פֿאָרגעקומען אין יאָר 1932 אין דאַנציק. מאַטעריאַלן פֿון דער באַראַטונג איז דערווייל אין אַרכ. נישט פֿאַראַן.

[24] אינסט. פֿאַר פּאַרטיי־געשיכטע ביים צ. ק. פּזפּר.

[25] דער 6 פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1932 יאָר, פֿאַרשטייער פֿון צ. ייד. ב. אויפֿן צוזאַמענפֿאָר איז געווען חבר אברהם זאַבאַריאַש, אַלס סעקרעטאַר פֿון צ. ייד. ב.

וואָס זענען „ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג“.

כּדי צו רעאַליזירן די אָנגעצייכנטע אויפגאַבן און ליכט פון די באַשלוסן פון דער באַראַטונג, רוקט אַרויס דאָס אויבנדערמאָנטע אַרטיקל דעם פּאָסטולאַט פון שאַפן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען: אַנטישטייער־קאָמיטעטן פון דער אָרעמקייט און אַרבעטער, קאָמיטעטן פון אָרעמע לאָקאַטאָרן אין די הייזער און אין די גאַסן“.

די אַרבעט פון דער קפּפּ צווישן די יידישע קליינבירגערלעכע אַרבעטנדיקע מאַסן האָט זיך אַזוי אויסגעברייטערט, אַז אין „צום קאַמף“ פון יוני 1935 לייענען מיר:

„ס׳איז נויטווענדיק צו באַשטימען אַ צענטראַלן אינסטרוקטאָר פון אַרבעט צווישן קליינבערגערטום ווי אויך אויסטיילן חברים (צו דער אַרבעט — ש. ז.) ביי די א. ק. און ק. ד. א. א. וו.“ [26]

אין 1933 יאָר איז חבר דוד באַזונדערס אַקטיוו מיט זיין פּיינער פעדער אין דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע. ער שרייבט אויך בראָשורן און אויפרופן. ער רעדאַגירט די לעגאַלע צווייוואָכנשריפט „אונדזער שטימע“, אַרויסגעגעבן פון דער פּאַרטיי אין 1933—1934. אין דער צייטונג שרייבט ער וועגן דעם פּראַקציאָנעלן קאַמף צווישן די „איינסער“ און „צווייער“ אין „בונד“.

אין דעם אַרטיקל (אונטערגעשריבן ד. קליינמאַן) אַטאַקירט ער די פּאָליטיק און פּראַקטיק פון די „איינסער“ און קריטיקירט די נישט קאָנסעקווענטקייט פון די לינקע „צווייער“. דוד מאַכט אָבער דעם פעלער — ווי די גאַנצע פּאַרטיי — שרייבנדיק, אַז אין די רייבונגען און רייסענישן צווישן די „איינסער“ און „צווייער“ זענען נישטאָ קיין שום פּרינציפּיעלע אונטערשיידן“.[27] דער פּאַקט, וואָס די פירער פון די „איינסער“ און פון די „צווייער“ אין דער פּראַקטיק „טוען די זעלבע אַרבעט“, וואָס זיי זענען „קודם־כל בונדיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנטיקאָמוניסטן“, האָט פאַר דער פּאַרטיי פאַרשטעלט אַן עיקר־מאָמענט, אַז די רייבונגען

---

26 אָ. ק. — געגנט קאָמיטעט; ק. ד. — ראַיאָן־קאָמיטעט.

27 אין יענער צייט האָט די פּאַרטיי דעפינירט די סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע פּאַרטייען אַלס סאָציאַל־פאַשיסטישע — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די פּאַרטיי האָט שוין אָנגעווענדעט די פּראַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט נישט בלויז פון אונטן, נאָר אויך דורך שיקן איינהייטס־פראָנטיקע בריוו צו די פירער פון די פּאַרטייען.

און רייסערייען צווישן די רעכטע און לינקע זענען נישט בלויז קיין אָפּשפּיגלונג פון „פערמענט אין בונד“ פון די באמת רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, נאָך אויך פון מיטעלן אַקטיוו און אפילו פון אַ טייל פירער, וועלכע זענען געבליבן ווייט פון קאָמוניזם, אָבער האָבן באמת געוואָלט ראַדיקאַליזירן דעם סאָציאַלדעמאָקראַטישן „בונד“. אין דעם אַרטיקל האָט דוד נישט פאַרשטאַנען, אַז די „צווייער“ אפילו מיט זייער נישט קאָנסעקווענטקייט האָבן פאַר די קאָמוניסטן געקאָנט זיין אַ באַזע פאַרן קאַמף פון איינהייטלעכן פראָנט פון טאַט.

אין 1933 יאָר האָבן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך זיך אָפּגעריסן פון „בונד“ קלענערע און גרעסערע גרופּן. אַן אַלטער בונדישער טוער, ש. שאָטען פון קוטנע, וועלכער איז געקומען צו דער קפּפּ, האָט איבערגעגעבן פיל זיינע בריוו געשריבענע צו זיינע חברים פון „בונד“. אין די בריוו האָט חבר שאָטען באַהאַנדלט וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג און פון פּוילן און אויך אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט מיט דער טאַקטיק פון די פירער פון „בונד“.

די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן די בריוו צו פאַרעפנטלעכן. די רעדאַקציע איז איבערגעגעבן געוואָרן חבר דודן. ער האָט די בריוו צונויפגעשטעלט לויט אַ פּראָבלעמען־סדר, פיין באַאַרבעט ליטעראַריש (נישט ענדערנדיק דעם אינהאַלט) און געמאַכט דערפון אַ ביכעלע אונטערן קאָפּ „בריוו פון אַ בונדיסט צו בונדיסטן“ — ש. שאָטען.[28] די בראָשור מיט די בריוו האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם צווישן די יידישע אַרבעטער און אין די בונדישע רייען.

דער אויסערלעכער איינדרוק איז געווען, אַז דוד איז געווען אַ קאַפּיטשקע פויל צום שרייבן. דאָס שרייבן האָט ער שטענדיק געלאָזט אויף דער לעצטער מינוט. דאָס איז אָבער געווען נישט דער גאַנצער אמת. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו נעכטיקן מיט דודן אויף אומלעגאַלע דירות און איך האָב אָבסערווירט, ווי פאַרטאָג, אין דער לעצטער מינוט נעמט ער זיך שרייבן דאָס הויפּט־אַרטיקל פאַר דער צייטונג. אויף מיין באַמערקונג וועגן זיין פוילקייט צו שרייבן, איז שטענדיק זיין ענטפער געווען:

„שרייבן איז נישט שווער, דער פּראָצעס פון שרייבן איז אַ קורצער. שווער איז נאָר דער פּראָצעס פון טראַכטן, וואָס און ווי אַזוי צו שרייבן.

28 יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע.

דעמלט איז דאָס שרייבן גרינגער און שנעלער. טראַכט וועגן אַרטיקל — פּלעגט ער זאָגן — איז נישט פּוילקייט".

לייענענדיק זיינע אַרטיקלען — די געפּרעסטע זאַצן, די געשליפענע ווערטער און איבערצייגנדיקע אַרגומענטן אין זיין פּאָלעמיק מיט אונ־דזערע קעגנער — איז געוואָרן פאַרשטענדלעך, אַז דאָס נישט איילן זיך ביי אים איז נישט קיין רעזולטאַט פון פוילקייט.

דוד האָט אויך רעדאַגירט די בראָשור „די אונטערצינדער פון רייכס־טאַג", וועלכע האָט דעמאַסקירט דעם דייטשישן פאַשיזם. אָבער באַזונ־דערס וויכטיק איז אַפּצומערקן דעם אַקטיוון אָנטייל פון דודן אינעם רע־דאַגירן דעם זאַמלהעפט „קאַרל מאַרקס 1883—1933". דער זאַמלהעפט איז געווען געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון קאַרל מאַרקס טויט און איז באַשטאַנען פון אַ ריי טעאָרעטישע אַרטיקלען, דער עיקר פון לעני־נען. אין דעם זאַמלהעפט האָבן זיך אויך געפונען אַרטיקלען פון דוד ריכטער און ש. לעווין: „50 יאָר פעלשן און פאַרקריפּלען דעם מאַרקסיזם", „דער מאַרקסיזם פון דער גייסטער עפּאָכע", „די פראַגע פון באַנאַפּאַרטיזם ביי מאַרקסן און ביי היינטיקן טאָג", ביבליאָגראַפישע סקיצן און פון מאַרקסיסטישן קוואַל — ציטאַטן פון ק. מאַרקס און פ. ענגעלס.[29]

דער טעאָרעטישער זאַמלהעפט איז געווען פון גרויסער אידעאָלאָ־גישער אָנלאָדונג און האָט פיל מיטגעהאָלפן דער טעאָרעטישער אַרבעט צווישן די קאָמוניסטישע רייען און אויך צווישן סימפּאַטיקער. די העכס־טע אָנפירונג פון דער קפּפּ האָט הויך אָפּגעשאַצט די אַרבעטן פון די פּאַרטיי־טוער אין דער יידישער סביבה און פון חבר ריכטער.

דוד ריכטער האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן ביים שאַפן און אַנטו־וויקלען די לעגאַלע קאָמוניסטישע פּרעסע. צו די וויכטיקסטע יידישע קאָ־מוניסטישע לעגאַלע צייטשריפטן האָט געהערט די „ליטעראַרישע טרי־בונע", אַרויסגעגעבן אין לאָדזש אין די יאָרן 1930—1933 אין אַ צאָל פון 43 נומערן. ווען די פּאָליציי האָט פאַרמאַכט די ל. ט. איז אויף איר אָרט אַרויסגעגעבן געוואָרן די „טריבונע" (1933—1934) אין טשענסטאָ־כאָוו אין אַ צאָל פון 15 נומערן. חבר דוד ריכטער איז באַלד נאָך דער באַפרייונג פון תפיסה גלייך דעלעגירט געוואָרן אין דער רעדאַקציע פון

29 עס איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן, וועלכע אַרטיקלען עס האָט געשריבן לעווין און וועלכע ריכטער. עס איז אָבער באַוווּסט, אַז זיי זיינען די אויטאָרן פון אַ ריי אַרטיקלען.

דער און אַנדערע צייטונגען. ער האָט אויך מיטגעהאָלפן רעדאַגירן דעם חודש־זשורנאַל „איבערבוי" אין די יאָרן 1933, 34, 35; „די זיבן טעג" — אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע וואָכנשריפט, 23 נומערן (1935—1936), וווּ דוד ריכטער איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר און שפּעטער „וואָכנבלאַט", דערשינען אויפן אָרט פון די פאַרמאַכטע „זיבן טעג". דער עיקר האָט דוד געשריבן פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע אַרטיקלען, כאָטש ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט רעצענזיעס וועגן ליטעראַטור און וועגן טעאַטער.

חבר בערנאַרד מאַרק אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער „ליטעראַרישער טריבונע" און „טלאָמאַצקע 13" שרייבט:

„איינער פון די מחברים פון די טעאָרעטישע אַרבעטן איז געווען דוד ריכטער, וועלכער האָט געשטאַמט פון טשענסטאָכאָוו, אַ געוו. מיטגליד פון ס.ד.ק.פּ.ל. און טוער פון קפּפּ. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס אינטעליגענץ, שאַרפזיניקייט און בליציקן הומאָר. איינצייטיק איז ער געווען אַ גוטער קריטיקער. ער האָט זיך אָלס מענטש אויסגעצייכנט מיט גוטמוטיקייט, חברישקייט און פעיקייט צו פירן אַן אַנגענעמען שמועס. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך חן פון אַ קינסטלער".[30]

חבר מאַרק אין זיין אַרטיקל כאַראַקטעריזירט די וואַרעמע, חברישע אַטמאָספער אין דער רעדאַקציע־אַרבעט. אויף די זיצונגען, אין די פערזענלעכע שמועסן צווישן זיך און ביים באַהאַנדלען אַרטיקלען אַנגעשריבענע פון די רעדאַקציע־מיטגלידער. די ווירקונג פון דער „ליטעראַרישער טריבונע" איז געווען זייער גרויס. אָט וואָס ב. מאַרק שרייבט: „דער פּעריאָד פון דער „ליטעראַרישער טריבונע" איז געווען אונדזער שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד. מיר האָבן געפילט דעם אָנשפּאַר און סימפּאַטיע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט".[31]

ס'איז געלונגען צו אידענטיפיצירן אַ ריי אַרטיקלען געשריבן פון דוד ריכטער און דער „ליט. טריבונע" און אין דער „טריבונע". די אַרטיקלען זענען אונטערגעשריבן מיט פּסעוודאָנימען לייב ראַטנער, ל. ר., ד. ריכטמאַן, ד. ד., האַנקעס און ד. ה.

אין צוזאַמענהאַנג מיט 35 יאָר „בונד", פאַרעפנטלעכט דוד אַ ציקל אַרטיקלען, וווּ ער באַהאַנדלט די אַנטימאַרקסיסטישע באַגרינדונג מצד

[30] „Księga Wspomnień". Warszawa,„Czytelnik" 1960. B. Mark, str. 240

[31] דאָרטן, זייט 243.

די פירער פון „בונד“, די טעאָריע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָ־נאָמיע. דער הויפּט־געדאַנק זייגער איז געווען, אַז: „די פּראָלעטאַרישע קלאַסן־באַוועגונג איז קעגן דער נאַצ. קולטורעלער אויטאָנאָמיע נישט דערפאַר, ווייל זי האָט נישט קיין פּאָזיטיווע באַציונג צו די קולטור־באַדערפעניש פון די יידישן מאַסן, נאָר ווייל זי געדענקט, „אַז אין דער היינטיקער נאַציע זענען פאַראַן צוויי נאַציעס“ און דערפאַר, ווייל „אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטורעלער אויטאָנאָמיע זענען פאַראַן צוויי נאַ־ציאָנאַלע קולטורן — אַ בורזשואַזע און אַ פּראָלעטאַרישע“. ער האָט אויך אויפן גרונט פון דער פּראַקטישער טעטיקייט פון „בונד“ אין ראַטנפאַרבאַנד דעמאַסקירט דעם מהות פון נאַציאָנאַלער קולטורעלער אויטאָנאָמיע.[32]

אין אַ ריי אַרטיקלען פּאָלעמיזירט ד. ריכטער מיט קאָסאָווסקין און ליטוואַקן. מיט ציטאַטן פון זייערע געשריבענע אַרבעטן און אויפן גרונט פון זייער טעטיקייט, באַווייזנדיק זייער סעפּאַראַטיזם, נאַציאָנאַליזם און אַנטיסאָוויעטישקייט, וועלכע זיי פאַרזייען אין די רייען פון יידישן פּראָ־לעטאַריאַט.[33]

מען דאַרף אויך דערמאָנען זיינס אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל: „דאָס וואָס איז דער עיקר“ (וועגן אַ טראָצקיסטישער בראָשור)[34] ווי אויך

---

[32] „צו דער אַנטשטייונג פון דער בונדישער טעאָריע פון נאַציאָנאַלער, קולטורעלער אויטאָנאָמיע“ — לייב ראַטנער. „ליט. טריבונע“, נום. 11 (34) פון 1־טן נאָוועמבער 1932. „דער מהות פון דער נאַציאָנאַלער קולטורעלער אויטאָנאָמיע (2־טער אַרטיקל) „ליט טריבונע“, נום. 12 (35) פון 15־טן נאָוועמבער 1932. „פון נאַציאָנאַליסטישער טעאָריע צו נאַציאָנאַליסטישער פּראַקטיק“ (3־טער אַרטיקל), „ליט. טריבונע“ נום. 14 (37), פון 15־טן דע־צעמבער, 1932.

[33] „א. ליטוואַק — 40 יאָר פּאָליטישע טעטיקייט און 35 יאָר „בונד“ — ד. ריכטמאַן, „ליט. טריבונע“, נום. 10 (33), אָקטאָבער 1932. „דער קעמפער פאַר סאָציאַליזם און סאָציאַלע רעוואָלוציע“ (וואָס מען שרייבט וועגן א. ליט־וואַק); ל. ר. „ליט טריבונע“, נום. 13 (36), 1־טער דעצעמבער, 1932; „קאָ־סאָווסקי, לערנט געשיכטע“ — לייב ראַטנער. „ליט. טריבונע“, נום. 3 (40), 1־טער פעברואַר, 1933; „שול־קולט־שאַבאַד — צ. ש. אָ“, ד. ריכטמאַן — „ליט. טריבונע“, נום. 8 (31), אויגוסט, 1932.

[34] „ליט. טריבונ“. נומער 6 (43) — 10 מערץ 1933.

זיינם אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער באַהאַנדלט פּראָבלעמען אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאָרגעקומענעם אַנטימלחמה-קאָנגרעס.[35]

דוד ריכטער האָט אויך אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צום יידישן טעאַטער און געשריבן פיל רעצענזיעס וועגן פאַרשידענע פאָרשטעלונגען. אָבער נישט אַלע רעצענזיעס געשריבענע פון אים זענען אידענטיפיצירט געוואָרן, דעסגלייכן נישט אַלע זיינע פובליציסטישע און טעאָרעטישע אַרטיקלען. צווישן די, וועלכע זענען באַשטימט געשריבן געוואָרן דורך אים זענען: „דער בונט אין אויסבעסערונגס-הויז" — בינע-רעפּאָרטאַזש פון מ. לאַמפּעל,[36] „דאָס שוואַרצע געטאָ" פון אַגיעלע,[37] „שריי כינע" פון טרעטיאַקאָוו,[38] „דער אורטייל".[39]

דאָס זענען געווען ספּעקטאַקלען פון דער ווילנער טרופּע.

* * *

אין דער צייט פון נאָך דער היטלער-איבערקעריניש אין דייטשלאַנד און פאַרטיפטן פאַשיזירונגס-פּראָצעס אין לאַנד האָט די פּאַרטיי געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען אַריינצוציען אין אַנטיפאַשיסטישן און אין אַנטימלחמה-קאַמף אַלץ ברייטערע טיילן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. די פּאַרטיי האָט געמאַכט די ערשטע טריט פון אָנווענדן דעם איינהייטלעכן פראָנט אויך דורך ווענדן זיך צו די פירער פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע און סאָציאַל-נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען.

צו דעם צוועק איז נייטיק געווען צו שאַפן אַ לעגאַלע טאָג-טריבונע, וועלכע זאָל אויסדריקן די פאַרלאַנגען און שטרעבונגען פון די ברייטסטע טיילן פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. די פּאַרטיי-אָנפירונג איז געקומען צו די יידישע פּאַרטיי-טוער מיטן געדאַנק פון אַרויסגעבן אַ לעגאַלע טאָג-צייטונג אין דער יידישער שפּראַך.

---

35 דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין אַמסטערדאַם אין די טעג פון 27-טן ביזן 30-טן אויגוסט 1932. אויפן קאָנגרעס זענען געווען 2500 דעלעגאַטן און עטלעכע טויזנט געסט. די דעלעגאַטן האָבן רעפּרעזענטירט 30 טויזנט אָרגאַניזאַציעס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 30 מיליאָן מענטשן — זע: „ליט. טריבונע", נום. 8 (31), אויגוסט, 1932.

36 „ליט. טריבונע", נום. 1—2 (38—39) — 15-טן יאַנואַר 1933.

37 „ליט. טריבונע", נום. 4 (41) 15-טן פעברואַר, 1933.

38 „טריבונע" נום. 1—2 פון 10-טן מאַי, 1933.

39 „טריבונע", נום. 6 פון 1-טן אויגוסט, 1933.

די אומלעגאַלע פּאַרטיי=צייטונג „צום קאַמף“ און די לעגאַלע וואָכן=צייטונגען אַרויסגעגעבן דורך דער פּאַרטיי זענען שוין געווען נישט גענוגנדיק פאַר די אָנגעצייכנטע דורך דער פּאַרטיי אויפגאַבן. עס איז געגאַנגען אין דעם, אַז די צייטונג זאָל זיין נישט בלויז פאַר די קאָמוניסטן און קאָמוניסטישע סימפּאַטיקער. נאָר פאַר די יידישע אַרבעטער, אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, פאַר יידישן האָרעפּאַשניק, האַנטווערקער, קליינהענדלער און פאַר דער גאַנצער יידישער אָרעמקייט. חבר דוד איז דעמלט געווען סעקרעטאַר פון דער יידישער פּאַרטיי=רעדאַקציע און אַ מיטגליד אין צענטראַלן יידישן ביוראָ. דער חבר דוד האָט צו דעם צוועק מאָביליזירט די פּאַרטיי=אינטעליגענץ, וועלכע האָט געלעבט, געשאַפן און געווירקט אין דער יידישער סביבה און אויך געוויסע נישט פּאַרטייאישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע זענען געווען גרייט צו קעמפן — צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן — קעגן פאַשיזם, פאַר דעמאָקראַטיע, קעגן מלחמה, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אַן אייניקייטלעכן פראָנט פון אַלע דעמאָקראַטיש=פּראָגרעסיווע כוחות.

אין באַדינגונגען פון פאַשיזם אַרויסגעבן אַ לעגאַלע טאָג=צייטונג איז נייטיק געווען פיל ענערגיע, איבערגעגעבנקייט, עקשנות און זשורנאַליסטישע קענטעניש. דאָס האָבן באַוויזן די קאָמוניסטישע טוער און בפרט די פען=מענטשן אין דער יידישער סביבה מיטן חבר דוד ריכטער אין דער שפּיץ.

דעם 20=טן אַפּריל 1934 יאָר איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דער לעגאַלער טאָג=צייטונג „פריינד“. נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע פּאָליציייאישע רעפּרעסיעס, קאָנפיסקאַציעס און העץ=קאַמפּאַניע מצד די רעכטע בונדישע פירער, איז דאָך די צייטונג דערשינען פון 20=טן אַפּריל 1934 ביזן 28=טן מערץ 1935 יאָר. אין סך=הכל — 321 נומערן. דער חבר דוד איז געווען דער פּאַרטיי=סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע „פריינד“.

דער טיראַזש פון דער צייטונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג — דערגייענדיק טיילמאָל, באַזונדערס אין די פרייטיקן, צו 12000 און מער עקזעמפּליאַרן. דער „פריינד“ האָט פּאַקטיש איבערגעשטיגן אין דער צאָל די בונדישע „פאָלקסצייטונג“.

די בונדישע פירער פון פּראָפ. פאַריין פון די צייטונגס=פאַרשפּרייטער האָבן סאַבאָטירט דאָס פאַרשפּרייטן דעם „פריינד“. געווען פאַלן ווען די בונדישע באָיוווקאַזשעס האָבן פאַרניכטעט די צייטונג אין די קיאָסקן,

וועלכע האָבן זיך אויסגעבראָכן פון בונדישן סאַבאָטאַזש. דעמלט האָבן די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער, פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזירט דעם פּאַרקויף פון „פריינד“. נישט ווייניק האָט צו דעם מיטגעווירקט דוד, וועלכער האָט געאַרבעט אויך אין עקזעקוטיוו פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער קפּפּ, אַלס אינסטרוקטאָר צו דער פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סביבה.

דוד איז נישט בלויז געווען דער פּאַרטייאישער רעדאַקטאָר פון „פריינד“, נאָר איינער פון די הויפּט־פּובליציסטן. עס איז געלונגען צו אידענטיפיצירן איבער 30 אַרטיקלען פאַרעפנטלעכטע אין „פריינד“, געשריבן פון דודן אונטערן פּסעוודאָניום ד. ל יי ב י ן. עס איז אָבער באַוווסט, אַז ער האָט געשריבן אַ סך אָן אַן אונטערשריפט, אָבער מיט פאַרשידענע איניציאַלן [40].

די טעמאַטיק פון ריכטערס פּובליקאַציעס איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקע: עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, אַרטיקלען וועגן דער ציוניסטישער אַנטיאַראַבישער פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע און בתוכם וועגן ביראָבידזשאַן. נעמלעך: „ביראָבידזשאַן און טעריטאָריאַליזם“. „נאָך אַמאָל וועגן ביראָבידזשאַן“, „נישט יידישיזם און נישט טעריטאָריאַליזם“ — א פּאָלעמיק מיט זלמן רייזען (רעדאַקציע־מיטגליד פון „פריינד“ [41]) און אויך א גרעסערע אַרבעט „דער היסטאָרישער טאָג“. דער אַרטיקל איז געווידמעט דעם 1־טן צוזאַמענפאָר פון דער אויטאָנאָמער יידישער געגנט אין ראַטנפאַרבאַנד. ער פּאָלעמיזירט מיט די, וועלכע האַלטן, אַז ביראָביזשאַן איז אַ ציל פאַר זיך:

„ביראָבידזשאַן איז נישט — שרייבט דוד — קיין ציל פאַר זיך און איז נישט קיין פּרינציפּיעלער אויסדרוק פון דער לעזונג פון דער יידן־פראַגע. די נאַציאָנאַלע פראַגע פון די יידישע מאַסן אין ר״פ איז געלעזט געוואָרן דורך זייער סאָציאַלער באַפרייונג, וואָס האָט זיי אַלס גלייכבאַ־

---

[40] דוד האָט אין יענער צייט אויך רעדאַגירט דעם פּאַרטיי־אָרגאַן פון צ. ק. „צום קאַמף“ און בראָשורן, פיל צייט האָט ער אויך געווידמעט פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן.

[41] „פריינד“, 1־טער יוני, 8־טער יוני 1934 יאָר און פון 24 אויגוסט 1934 יאָר.

רעכטיקטע אַרייַנגעפירט אין דער גרויס־אינדוסטריע, אויף ערד־אַרבעט, אין די מלוכה־אנשטאַלטן איבערן גאַנצן שטח פון ר"פ.[42]

צום פּראָבלעם טעריטאָריאַליזם, יידישע מלוכהשקייט קערט זיך דוד אום אין 1937 יאָר אויף די שפּאַלטן פון אָרגאַן פון צ. ק. „טשערוואָני שטאַנדאַר" (רויטע פאָן).

אינעם אַרטיקל וועגן ענגלישן פּלאַן פאַנאַנדערצוטיילן פּאַלעסטינע אויף אַן אַראַבישן טייל און אויף אַ יידישן טייל פאָרמולירט דוד ריכטיק די שטעלונג, אַז דער פּלאַן איז אין די אינטערעסן נישט פון די יידישע און נישט פון די אַראַבישע מאַסן אין פּאַלעסטינע. ווייל — שרייבט ער — דער פּלאַן באַפרייט נישט פּאַלעסטינע פון די ענגלישע אָקופּאַנטן, דער פּלאַן דאַרף פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון ענגלישן מאַנדאַט, כדי בעסער אונטערצואָרדענען פּאַלעסטינע אין די אינטערעסן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם קעגן די אינטערעסן פון דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג.

פעסטשטעלנדיק די באַציונג צו דעם אקטועלן פּראָבלעם אין רעזולטאַט פון דעם ענגלישן פּראָיעקט — שטעלט דוד די פראַגע: צי קאָנען מיר, קאָמוניסטן, זיין קעגן „יידישער מלוכהשקייט?"

זיין ענטפער איז אַ קלאָרער און דרייסטער: מען דאַרף אָפּוואַרפן די מיינונג, וואָס איז נאָך ביז היינט פאַראַן אין פאַרשידענע קרייזן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, באַזונדערס צווישן די יידישע אַרבעטער, „אַז די אידעע פון א יידישער מלוכה אן און פאַר זיך, איז אַ רעאַקציאָנערע און מוז דורכן פּראָלעטאַריאַט באַקעמפט ווערן".

„דער אַרבעטער־קלאַס האָט נישט קיין נויטווענדיקייט צו באַקעמפן דעם געדאַנק פון שאַפן א „יידישע מלוכה", דאַקעגן דאַרף מען אָבער אָנווייזן אויף די געפאַרן, וועלכע דרינגען אַרויס פון דעם פאקט".

וועלכע זענען לויט דודן די געפאַרן?

„עס קאָנען זיך פאַרשטאַרקן אילוזיעס, אַז: „דאָס אַנטשטיין פון אַ „יידישער מלוכה" וועט לעזן די אָנגעווייטיקסטע פראַגן פון די יידישע מאַסן, עס קאָנען זיך פאַרשטאַרקן די עמיגראַציאָניסטישע טענדענצן".

„די קאָמוניסטן איז געגאַנגען אין דעם, אַז די אילוזיעס און טענדענצן —

---

42 „פריינד" פון 11 דעצעמבער 1934 יאָר. (אַלע נומערן פון „פריינד", וועלכע ווערן ציטירט ווייטער, געפינען זיך אינעם פרעסע־אַרכיוו פון ייִד. היסטאָרישן אינסטיטוט).

שרייבט ער אין זיין אַרטיקל — קאָנען מיטווירקן אָפּצושוואַכן דעם קאַמף פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג קעגן די פֿאַשיסטישע אונטערדריקער“.

ער מאַכט דעריבער דעם אויספֿיר, אַז נישט געקוקט אויף דעם פֿאַקט פֿון דער מעגלעכקייט עס זאָל אַנטשטיין אַ ייִדישע מלוכה, איז אונדזער איינשטעלונג וועגן דעם, אַז „דער ציוניזם וועט נישט לייזן די ייִדן=פֿראַגע“, אַז „די ייִדישע מאַסן קאָנען נישט האָבן קיין האָפֿענונגען, אַז זייערע אָנגעווייטיקטע פֿראַגן זאָלן געפֿינען אַ לייזונג אויסער די לענדער, ווו זיי געפֿינען זיך“ — געווען און געבליבן אַ ריכטיקע.

די 15—16 מיליאָן ייִדן (אין יענער צייט — ש. ז.) וועלן בלייבן — שטעלט דוד פעסט אין דעם אַרטיקל — אין זייערע לענדער און וועלן נאָר מיט דער צוקונפֿט פֿון די לענדער פֿאַרבינדן זייער גורל. די ייִדישע מאַסן אין פּוילן מוזן פֿאַרשטיין, אַז דער איינציקער וועג איז קאַמף פֿאַר פֿולע בירגער=רעכט, איז פֿאַרבונדן מיטן קאַמף פֿאַר באַפֿרייען זיך פֿון פֿאַשיסטישן יאָך. „דער דערפֿאָלג פֿון דעם קאַמף — שרייבט ער — קאָן נישט זיין אָפּהענגיק פֿון דעם, צי אין פּאַלעסטינע וועט אַנטשטיין אַ ייִדישע מלוכה... דער דערפֿאָלג איז אָפּהענגיק פֿון דער געשטאַלטיקונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעסן אין די לענדער ווו די ייִדן לעבן“[43].

* * *

אין 1934 יאָר ווערט געשאַפֿן דער ייִדישער וועלט=קאָנגרעס. חבר דוד פֿאָרמולירט די פּאַרטיי=שטעלונג אין דעם „פֿריינד“. אין דעם אַנאַליטישן אַרטיקל אין דער פֿראַגע שטעלט דוד פעסט, אַז די דעלעגאַציעס פֿון פֿאַרשידענע מלוכות וועלן נישט רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פֿון די ייִדישע פֿאָלקס=מאַסן אין זייערע לענדער, נאָר יעדע דעלעגאַציע וועט אָפּהיטן דעם כּבֿוד פֿון דער אייגענער מלוכה און רעגירונג (קאַפּיטאַליסטישע — ש. ז.), מיט וועלכע זי איז פֿאַרבונדן“, אַז עס וועלן זיך „דאָרט קרייציקן די אינטערעסן פֿון פֿאַרשידענע קאַפּיטאַליסטישע

---

[43] די אַלע ציטאַטן זענען פֿון אַרטיקל „פּאָדזיאַל פּאַלעסטיני“ אין „טישרי=וואָני שטאַנדאַר“ נומער 9 פֿון 10=טן אויגוסט 1937 יאָר, זייט 10. (אינסט. פֿאַר פּאַרטיי=געשיכטע ביים צ. ק. פּזפּר).

דער אַרטיקל איז נישט אונטערגעשריבן. ס'איז אָבער באַקאַנט, אַז דוד ריכטער איז דעמאָלט געווען אין דער רעדאַקציע פֿון טש. יש. און סעקרעטאַר פֿון דער ייִד. רעדאַקציע, צענטראַלער אינסטרוקטאָר ביים צ. ק. די חברים, וועלכע האָבן געשריבן אויף ייִדישער טעמאַטיק האָבן זיך געפֿונען אין תּפֿיסה, אין בערעזע און אויף די שלאַכט=פֿעלדער אין שפּאַניע — דערפֿון דער זיכערער אויספֿיר, אַז דער אויטאָר פֿון דעם אַרטיקל איז דוד ריכטער.

מלוכות“ און אַזוי אַרום וועט דער קאָנגרעס נישט רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פון יידישן פאָלק [44].

הבר דוד שטעלט אין דעם אַרטיקל די פראַגע, וואָס וועט זיין די הויפּט־אידעע פון אַזאַ וועלט־קאָנגרעס? דוד ענטפערט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע וועט זיין: „באַשעפטיקן זיך אַ ביסל מיט דער טרויעריקער לאַגע פון די „ברידער יידן“ אין ראַטנפאַרבאַנד, אָנגעמען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס קעגן די רדיפות אויף דער יידישער רעליגיע אין לאַנד פון די סאָוויעטן און קעגן אומברענגען די דאָרטיקע דריי מיליאָן יידן דורך דער ג.פ.או.“ נישט קאַמף קעגן פאַשיזם און מלחמה, נישט קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם, נישט קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג אָנגעווענדט מצד זייערע אייגענע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען לגבי די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — וועט זיין די זאָרג פון דעם אַנטשטאַנענעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. „זייער זאָרג וועט זיין — שרייבט דוד אין דעם אַרטיקל — מקיים זיין די מצוה פון „ובערת הרעה מקרבך“ — אויסראָטן די אינערלעכע קראַמאָליע, וואָס באַדראָט דאָס נאַציאָנאַלע יידישע לעבן“ [45].

צי איז דוד געווען בכלל קעגן דער אידעע פון אַ יידישן וועלט־צוזאַמענקונפט, פון אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס? ניין. זיין אַרטיקל האָט געצילט אויפצוקלערן די צילן פון די פירער פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

די פּאַרטיי האָט זיך פּאָזיטיוו באַצויגן צו דער אידעע פון צונויפרופן אַן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1937 — לויט דער איניציאַטיוו פון די דעמאָקראַטישע און אַנטיפאַשיסטישע עלעמענטן אין פראַנקרייך. דער ציל פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס איז געווען קאַמף קעגן היטלעריזם און זיין קולטור־באַרבאַריזם. פון דעם דרינגט די אַנדערשקייט אין דער אָפּשאַצונג מצד דעם הבר דודן לגבי די צוויי קאָנגרעסן. ווי מיר וועלן זען ווייטער איז די אַנדערשקייט אויך געקומען צום אויסדרוק לגבי דעם פּלאַן פון רופן „אַ קאָנגרעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן“ אין 1938. דוד אין זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן אין „פריינד“ האָט דער עיקר

[44] „אינהיימלעכע רעפּרעזענטאַנץ“ און „יידישער וועלט־קאָנגרעס“ — „פריינד“ פון 3־טן אויגוסט 1934.

[45] דאָרט

געוויִדמעט דער פֿראַגע פֿון אײנהײטלעכן פֿראָנט פֿון די אַרבעטער-פּאַרטײען. אינעם אַרטיקל „די שפּראַך פֿון די פּראָנצויזן“, פֿרעגט ער די פֿירער פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטײען אין פּוילן:

„קאָאַליציע-פּאָליטיק יאָ, טאָלערירונג פֿון די בורזשואַזע רעגירונגען יאָ, פּאָליטיק פֿון זאַכלעכער אָפּאָזיציע, פּאָליטיק פֿון קלענערן בײז יאָ, פֿאַרוואָס נישט אײנהײטס-פֿראָנט פֿון אַרבעטער-פּאַרטײען קעגן פֿאַשיזם, פֿאַר דעמאָקראַטיע?“ 46. פֿאַרוואָס — פֿרעגט ער — נישט רעדן מיט דער שפּראַך פֿון די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געשלאָסן דעם אײנהײטלעכן פֿראָנט מיט די קאָמוניסטן?

אין דעם אַרטיקל „אָרגאַניזאַציע-אײנהײט“ אָדער „אײנהײט פֿון טאַט“ 47, פּאָלעמיזירט ער מיט דעם „לינקן“ האָגמאַטיזם פֿון די פֿירער פֿון „בונד“, וועלכער אָנשטאָט רעאַליזירן אײנהײט פֿון טאַט, אײנהײטלעכער פֿראָנט אויף דער באַזע פֿון טאָג-אויפֿגאַבן, וואָס עס האָבן פֿאָרגעשלאָגן די קאָמוניסטן אין זײערע צענדליקער בריוו צום צענטראַל-קאָמיטעט פֿון „בונד“ — „רעדט ער פֿון מאַקסימאַלער אײנהײט, אָרגאַנישער אײנהײט און אָרגאַניזאַציאָנעלער אײנהײט“. מיט אַן איבערצײַגנדיקער שפּראַך באַווײַזט ריכטער, אַז די אידעאָלאָגישע אונטערשיידן, די נאָך נישט רײפֿע סיטואַציע צו אידעאָלאָגישער אײנהײט, קאָן נישט און טאָר נישט זײַן קײן מניעה געמײנזאַם צו מאַרשירן אינעם אײנהײטלעכן פֿראָנט קעגן דעם געמײנזאַמען הויפּט-שונא — פֿאַשיזם און מלחמה, קעגן דער אָפֿענסיווע פֿון דער בורזשואַזיע, קעגן אַנטיסעמיטיזם און אַנטי-ייִדישע פּאָגראָמען 48.

---

46 „פֿרײַנד“ פֿון 20-טן יולי 1934.

47 „פֿרײַנד“ פֿון 27-טן יולי 1934.

48 דאָרט. אין דעם אַרטיקל דעמאַסקירט ריכטיק דער ח' דוד די רעכטע פֿירער פֿון „בונד“, וועלכע רעדן וועגן אידעאָלאָגישער אײנהײט און טאָג-טעגלעך אין דער פּראַקטיק סאַבאָטירן זײ און ברעכן די אײנהײט פֿון טאַט פֿון סאָציאַליסטישן און אַנטיפֿאַשיסטישן לאַגער. אַוודאי איז דוד גערעכט, ווען ער וואָרנט קעגן אילוזיעס בײַ אַ טײל קאָמוניסטן וועגן דער מעגלעכקײט פֿון אידעאָלאָגישער אײנהײט שוין אין יענע יאָרן. ס'איז אָבער נישט נײטיק און נישט צוועקמעסיק געווען זײַן פּאָלעמיק מיטן חבר ב. אָראַנאָוויטש (ב. מאַרק), וועלכער האָט ריכטיק געזען, אַז פּראָלעטאַרישע אײנהײט פֿון טאַט איז אַן אָריענטירונג צו אידעאָלאָגיש-אָרגאַניזאַציאָנעלער אײנהײט פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג.

מיר ווילן דאָ פאַרצייכענען נאָך א ריי דודס אַרטיקלען געווידמעט דעם פּראָבלעם פון איינהייט פון טאַט און נישט אידעאָלאָגישער איינהייט. נעמלעך: „פּראָבלעמען פון איינהייטלעכן פראָנט“ [49]. אָדער אַ פעריע אַרטיקלען אונטערן טיטל: „וואָס איז איינגעטלעך פאָרגעקומען?“ [50] אין די לעצטע אַרטיקלען האָט דוד אויפגעקלערט, אַז דער „בונד“ האָט איבערגעריסן די אונטערהאַנדלונגען וועגן איינהייט, אַרויסרוקנדיק, אַן אולטימאַטיווע פאָדערונג (4־טער פונקט), די קאָמוניסטן זאָלן אָנערקענען די פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ווי רעוו. קלאַסן־פּאַרטייען פון פּראָלעטאַריאַט צוגלייך מיט די פּאַרטייען פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דערביי האָט דער „בונד“ אָפּגעוואָרפן דעם פונקט פון די קאָמוניסטן, אַז ביידע צדדים זענען מחויב צו באַקעמפן די, וועלכע ברעכן דעם איינהייטלעכן פראָנט און אויך דעם פאָרשלאַג וועגן אינערלעכער פּאַרטיינס־דעמאָקראַטיע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן ביים פאַראייניקן די פּראָפ. באַוועגונג. דאַקעגן האָבן די קאָמוניסטן געהאַלטן, אַז דער 4־טער פונקט דאַרף נישט זיין קיין שטערונג אין שליסן אַן איינהייטלעכן פראָנט אין קאַמף קעגן פאַשיזם. דוד האָט אויך פיל מאָל אָנטיילגענומען אין די שמועסן מיטן צ. ק. פון „בונד“. אין די באַגייסטע אונטערהאַנדלונגען מיטן „בונד“ איז מצד די קאָמוניסטישע דעלעגירטע איבערגעלייענט געוואָרן א דעקלאַראַציע, אין וועלכער מיר לייענען צווישן אנדערן:

„מיר האַלטן, אַז די לאַנגדויערנדיקע אונטערהאַנדלונגען, וועלכע קומען פאָר צווישן צ. ק. פון קפּפּ און צ. ק. פון „בונד“ וועגן שליסן אַן איינהייטלעכן פראָנט צווישן אונדזערע פּאַרטייען, שעדיקן דעם אַלגעמיינעם קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן קעגן פאַשיזם. באַזונדער הייגט, נאָך דער מפּלה פון דער סאַנאַציע ביי די וואַלן און אין אָנבליק פון די ערנסטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפן, וועלכע שטייען פאָר, קאָן יעדע ווייטערדיקע פאַרשלעפּונג פון די אונטערהאַנדלונגען נישט זיין אויפקלערבאַר. די אַרבעטער־מאַסן האָבן אין טאַט באַוויזן אין טאָג

[49] „פריינד“ פון 9־טן און 18־טן סעפּטעמבער 1934.

[50] „פריינד“ פון 26־טן, 29־טן אָקטאָבער און פון 2־טן נאָוועמבער 1934.

פון 1=טן מאַי, 25 יוני[51] און בעת די וואַלן צום סיים, אַז די אידעען פון אייניהייטלעכן פראָנט איז געוואָרן זייער אידעע. דער צ. ק. פון דער קפּפּ האַלט שוין נישט פון הייגט, אַז דאָס שליסן אַן אייניהייטלעכן פראָנט מיט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז דאָס געבאָט פון טאָג. די אונטערהאַנדלונגען צווישן צ. ק. קפּפּ און צ. ק. פון „בונד“ זענען איבערגעריסן געוואָרן צוליב דעם אַזוי גערופענעם 4טן פונקט. מיר האַלטן, אַז דער פונקט קאָן נישט זיין קיין שטערונג אויף צו שליסן דעם אייניהייטלעכן פראָנט... מיר האַלטן, אַז דער פאַרשטענדיקונגס=טעקסט דאַרף נישט אַנטהאַלטן קיין שום פראָגראַמאַטישע פראַגע, אָדער באַזונדערע היסטאָרישע אָפּשאַצונגען געגעבן פון איין צד אָדער פון צווייטן צד“.[52]

דער אויספיר פון דער דעקלאַראַציע איז געווען, אַז „דאָס שליסן דעם אייניהייטלעכן פראָנט — אונדזער געמיינזאַמער קאַמף קעגן פאַשיזם אַן און פאַר זיך — רוקט אַוועק אין אַ זייט די מאָמענטן, וואָס שיידן אין 4=טן פונקט“.[53]

„דער פאַרשטענדיקונגס=טעקסט — לייענען מיר ווייטער אין דער דעקלאַראַציע — וועלכן ס׳דערוואַרטן פון אונדז די אַרבעטער=מאַסן און דער גאַנצער אנטיפאַשיסטישער לאַגער דאַרף זיין אַ קאָנקרעטער פראָגראַם פון אַקציע און קאַמף פון די ברייטסטע מאַסן קעגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, דאָס טאָר אונדז נישט טיילן, נאָר אייניקן“.

* * *

אין 1935 גרייט זיך דער 6=טער פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר פון „בונד“. די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און די סיטואַציע אין לאַנד, דער ראַדיקאַ=

---

[51] אין טאָג פון 25 יוני 1935 זענען פאָרגעקומען פּאָליטישע שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס גערופן דורך דער קפּפּ קעגן דער פאַשיסטישער וואַל=אָרדינאַציע, פאַר דעמאָקראַטישע רעכט פון אַרבעטנדיקן פאָלק. די פּפּס און „בונד“ האָבן די ווענדונג פון צ. ק. פון דער קפּפּ וועגן אַן אייניהייטלעכער אַרויסטרעטונג — אָפּגעוואָרפן. נישט געקוקט דערויף האָבן פיל פּפּסישע און בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דעם טאָג אָנטיילגענומען אינעם שטרייק און אין די אַרויסטרעטונגען.

[52] בריוו פון סעקרעטאַריאַט צום פּאָליט. ביוראָ נאָוועמבער 1935. טשעשקע „בריוו פון דער היים“ — (ŁzD) סיגג. 158, 1935 (אַרכ. אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי=געשיכטע ביים צ. ק. פון פּזפּר.

[53] זע דאָרט. די פראַגע פון איבעררייסן די אונטערהאַנדלונגען מצד דעם „בונד“ אין שייכות מיטן אולטימאַטיוו דורך דעם „בונד“ געשטעלטן 4=טן פונקט איז, דוכט זיך מיר, הייגט דיסקוטירבאַר.

ליזירונגס=פּראָצעס בכלל, באַזונדערס אין דער יידישער סביבה, האָט פאַרשטאַרקט די אומצופרידנקייט אין די בונדישע רייען לגבי דער פּאָליטיק פון די רעכטע פירער — ערליך=אַלטער. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער פאַרשאַרפטער פאַרצוזאַמענפאָר=דיסקוסיע.

דערשאַצנדיק די וויכטיקייט פון דער דיסקוסיע אין „בונד“, ווידמעט איר דוד 8 אַרטיקלען.[54]

באַקעמפנדיק די אַמאָליקע — זיינע און פון דער פּאַרטיי — סעקטאַנטישע איינשטעלונג וועגן די „איינסער“ און „צווייער“ שרייבט דוד אין די אַרטיקלען:

„די פראַקציאָנעלע קאַמפן אין „בונד“... באַזירן זיך אויף ווירקלעכע, אָפטמאָל באַדייטנדיקע אונטערשידן און מיינונגס=פאַרשידנהייטן, טייל פון די דאָזיקע מיינונגס=פאַרשידנהייטן זענען פון פּרינציפּיעלן כאַראַקטער (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל). און נעגירן אָדער באַגאַטעליזירן, דאָס הייסט — נישט זען די אידעישע צעפאָרנקייט און כאַאָס, וואָס הערשט איצט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און רעזולטאַט פון אידעאָלאָגישן באַנקראָט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, הייסט: נישט זען די שוועריקייטן, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מאַכן אַדורך אין די איצטיקע באַדינגונגען פון קאָמפּליצירטער פּאָליטישער סיטואַציע און פאַרשאַרפונג פון קלאַסן=קאַמף“.

„דער „בונד“ — לייענען מיר אין זיינע אַרטיקלען — קאָן נאַטירלעך, נישט זיין קיין אויסנאַם, אַדרבא, דער „בונד“ אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייטס=פּאַרטיי פילט נאָך מער ווי אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דעם דרוק פון די ראַדיקאַליזירטע אַרבעטער“, וואָס ווירקן אויף דער פּאַרטיפונג פון די חילוקי=דעות און אויף די פאַרשאַרפטע רייבונגען אין די בונדישע רייען“.

דוד האָט געוואָרנט קעגן דעם מעכאַניש=שאַבלאָנישן צוגאַנג מצד

[54] „פּריינד“ פון 25=טן יאַנואַר 1935 „איינסער און צווייער“, „די בונדישע פּאַרטיי=דיסקוסיע“ פון 1=טן און פון דריטן פעברואַר 1935“, „די איינהייטס=פראַגע אין דער בונדישער דיסקוסיע“ פון 8=טן פעברואַר 1935. „די פּאָרמול און דער אויספיר“ (די מאַכט=פראַגע אויפן בונדישן צוזאַמענפאָר) פון 15=טן פעברואַר 1935. „נאָך אַמאָל וועגן דער פּאָרמול און וועגן אויספיר“ פון 16=טן פעברואַר 1935. „איניקע סך=הכלען“ (צו דער לאַגע אין „בונד“) פון 17=טן פעברואַר 1935. „נאָכן 6=טן צוזאַמענפאָר פון „בונד“ (איניקע סך=הכלען) פון 3=טן מערץ 1935.

אַ ריי חברים לגבי דער דיסקוסיע אין „בונד“, וועלכע האָבן געזען נאָר די רעכטע פירער און נישט געזען די אומצופרידנקייט און רעוואָלוציאָניזירטע אַרבעטער און טוער, וועלכע געהערן און זענען טעטיק אין די כאַציאַליסטישע פּאַרטייען.

חבר דודס פּאָלעמיש־אויפקלערערישע אַרטיקלען אין דעם „פּריינד“ און אין אַנדערע לעגאַלע און נישט לעגאַלע פּאַרטיי־צייטונגען מיט די „איינסער“ און „צווייער“ האָבן געטראָגן א כאַראַקטער פון אַ שמועס מיט די בונדישע אַרבעטער. ער האָט ציטירט די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון די צוויי פראַקציעס אין „בונד“, וועלכע האָבן גערעדט וועגן איינהייט, וועגן קאַמף קעגן פאַשיזם און קאַפּיטאַליזם, וועגן „דיקטאַטור פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן“ (טעזן פון די „איינסער“) און „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“ (טעזן פון די „צווייער“) און קאָנפראָנטירט מיט זייער פּראַקטיק. ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין בייסיקע קריטיק די „איינסער“ — דעמאַסקירנדיק זייערע פראַזן וועגן קאַמף און אין דער פּראַקטיק — פּאַראַט. פון די „צווייער“ האָט דוד אין זיינע אַרטיקלען פאַרלאַנגט קאָנסעקווענטקייט אין דער פראַגע פון איינהייט אויף דער באַזע פון טאָג־פאָדערונגען. אין זיין זאכלעכער קריטיק האָט דוד אין די „צווייער“ געזען מעגלעכע פאַרבינדעטע.

די פאָרמולירטע דורך דודס פּעדער פּאַרטיי־איינשטעלונג לגבי דער דיסקוסיע אין „בונד“ האָט פאַרלייכטערט דעם קאַמף אין בונדישן לאַגער פון די לינקע קעגן די רעכטע און האָט געשטויסן די ראַדיקאַליזירטע אַרבעטער און אַקטיוו צו א מער קאָנקרעטן אופן פון טראַכטן. דער נייער צוגאַנג צו דער דיסקוסיע אין „בונד“ און די אַנדערשקייט אין דער באַציונג צו די „צווייער“ האָט דערנענטערט די לינק־געשטימטע בונדישע אַרבעטער צו די קאָמוניסטן און פאַרקערט.[55]

55 ביי דער אָפּשטימונג האָבן די „איינסער“ באַקומען 65 פּראָצענט און די „צווייער“ 35 פּראָצענט שטימען. אינעם אַרטיקל נאָכן זעקסטן צוזאַמענפאָר פון „בונד“ האָט דוד אָפּגעשאַצט, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט נישט אַוועקגעשטעלט פאַר דער פּאַרטיי די אויפגאַבע צו רעאַליזירן דעם איינהייטלעכן פראָנט אַלס געבאָט פון טאָג, און גאָרנישט באַשלאָסן אין דער הינזיכט, וואָס זאָל דערמעגלעכן דאָס אַנטשטיין פון אַזאַ איינהייטלעכן פראָנט. „דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון „בונד“ — שרייבט דוד — האָט נישט געגעבן דעם ענטפער די בונדישע מאַסן אויף די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס שטייען היינט פאַרן אַרבעטער־קלאַס... זיי וועלן אים געפינען אין פּראָצעס פון איינהייט־קאַמף מיט די נישט בונדישע אַרבעטער“ („פּריינד“ פון 3־טן מערץ 1935).—

עס ווילט זיך אויך אָפּמערקן דודס אינטערעסאַנטן אַרטיקל: „דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געזאָגט זיין וואָרט“,[56] וווּ ער אַנאַליזירט קריטיש די האַנדלונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער וואַרפט אָפּ די ווענדונג מצד דעם קאָמינטערן וועגן א געמיינזאַמער אַקציע.

אין וואָס האָט זיך געהאַנדלט?

תיכּף נאָך דער היטלער=איבערקערעניש אין מערץ 1933, האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל זיך געוואָנדן מיט אַ בריוו צו אַלע סעקציעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל וועגן שליסן אַן אייניהייטלעכן פראָנט אין אָנבליק פון די געפאַרן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט דעמלט (דעם 19=טן מערץ 1933) פאַרבאָטן זיינע סעקציעס צו קאָנפערירן מיט די קאָמוניסטישע פאַרטייען אין דער פראַגע, ווייל — ווי זיי האָבן דערקלערט — איז דאָס די זאַך נאָר פון די אָנפירונגען פון די אינטערנאַציאָנאַלן. עס מוז צום ערשטן געשלאָסן ווערן דער אייניהייטס=פראָנט פון די אינטערנאַציאָנאַלן און אין רעזולטאַט דערפון — דער אייניהייטס=פראָנט אויף די ערטער. ווען אָבער דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט דעם 10=טן אָקטאָבער 1934 זיך געוואָנדן צום 2=טן אינטערנאַציאָנאַל וועגן אַ געמיינזאַמער אַקציע צו הילף דעם קעמפנדיקן שפּאַניע, האָט די אָנפירונג פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל ווייטער אָפּגעוואָרפן די ווענדונג מיטן אויסרייד, אַז דאָס איז נישט די זאַך פון אינטערנאַציאָנאַל, נאָר אויסשליסלעך פון די באַזונדערע סעקציעס פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל.

די ווענדונג איז געווען אַן אַקט פון אַן ערשטקלאַסיקער פּאָליטישער באַדייטונג. זי איז געווען נישט בלויז אַן אָפיציעלע אַקצעפּטאַציע מצד דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל פון דעם קאַמף פאַר אייניהייטס=פראָנט פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען, נאָר אויך א באַשטעטיקונג פון דעם שוין צושטאַנדגעקומענעם אייניהייטס=פראָנט אין א ריי לענדער קעגן ווילן און בפירוש פאַרבאָט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. „די ווענדונג פון 10=טן אָקטאָבער — שרייבט דוד — איז געווען א נייער טריט פאָרויס פון רעאַליזירן דעם אייניהייטלעכן פראָנט, איז געווען אַ באַווייז, אַז דער קאָמינטערן וויל אויסברייטערן דעם אייניהייטלעכן פראָנט און געבן אים אינטערנאַציאָנאַלע ראַמען“.[57] דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט נישט געקאָנט גלאַט אָפּוואַרפן די ווענדונג פון קאָמינטערן.

---

56 „פּראַווּדאַ“ פון 27=טן נאָוועמבער 1934.

57 דאָרט.

„אַנשטאָט אַ באַשלוס — שרייבט ווייטער דוד — אין וועלכן דער סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל זאָל קלאָר זאָגן פאַר זיינע אָנהענגער, צי איז ער פאַר אָדער קעגן אַן איינהייטלעכן פראָנט מיט די קאָמוניסטן — האָבן מיר אַ דערקלערונג, אַז די סעקציעס באַקומען פרייע הענט אין דער פראַגע. פאַקטיש איז דאָס נישט קיין „באַשלוס“ נאָר בלויז אַ פעסטשטעלונג פון געשעענע פאַקטן (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל) און פון דער אָביעקטיווער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, נאָכדעם ווי דער מערץ־באַשלוס איז נישט אויסגעפירט געוואָרן“.[58]

דוד האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט, כדי זיך דורכצושמועסן מיט די יידישע אַרבעטנדיקע מענטשן אויף די שפאַלטן פון „פריינד“ וועגן די עיקר־מניעות און פאַקטישע שולדיקע אינעם נישט דערלאָזן צו איינהייט פון טאַט.

אין אַ סעריע אַרטיקלען[59] האָט ער באַהאַנדלט דעם אויבנדערמאָנטן פּראָבלעם. מיט פאקטן פון דער אַנטי־איינהייטס־פּראַקטיק פון די רעכטע פירער פון „בונד“ האָט ער באַוויזן, אַז מניעות זענען פאַראַן. אָבער נישט מצד אונדז, קאָמוניסטן, נאָר מצד די רעכטע פירער פון 2־טן אינטערנאַציאָנאַל און אין פּוילן — מצד דעם „בונד“ און פפס.

דוד ריכטער האָט ריכטיק געטענהט צו די פירער פון „בונד“: איר האָט זיך אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום (סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל—ש.ז.) דערקלערט סאָלידאַריש מיט די פּאַרטייען, וואָס האָבן דעם איינהייטלעכן פראָנט שוין רעאַליזירט, — דאַן מוז דאָס זעלבע אויך ביי זיך לויט דעם מוסטער פון יענע פּאַרטייען.[60]

---

[58] דער באַשלוס פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל פון 19־טן מערץ 1933, וועלכער האָט פאַרבאָטן זיינע סעקציעס צו פירן אונטערהאַנדלונגען און שליסן דעם איינהייטלעכן פראָנט מיט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען איז געבראָכן געוואָרן דורך פאָלגנדע זיינע סעקציעס: פראַנקרייך, עסטרייך, שפאַניע, סאַאַר־געביט, איטאַליע א. אנד. דער עקזעקוטיוו פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל אויף דער ווענדונג פון קאָמינטערן פון 10/10 איז געקומען דעם 17־טן נאָוועמבער 1934.

[59] „פריינד“ פון 21־טן און פון 28־טן דעצעמבער 1934 און פון 4־טן יאַנואַר 1935.

[60] פעלערן באַגאַנגענע פון קאָמינטערן און פון דער קפפ אין זייער אומדערמידלעכן, אויפריכטיקן קאַמף פאַר רעאַליזירן די איינהייט פון טאַט מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זענען דורך די רעכטע פירער פון די פּאַרטייען אויס־

אין זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן האָט דוד ריכטער באַוויזן דעם דאָגמאַטיש-סעקטאַנטישן צוגאַנג פֿון „בונד" אין דער פֿראַגע פֿון פֿאָלקס-פֿראָנט. ער האָט באַוויזן די שעדלעכקייט פֿון דער בונדישער קאָנצעפּציע, אַז „די אַרבעטער-באַוועגונג קאָן נישט רעכענען אין איר קאַמף קעגן פֿאַשיזם אויף דער הילף מצד די א. ג. דעמאָקראַטישע בירגערלעכע פּאַרטייען, וואָס זייערע לעצטע רעשטלעך ווירקן צווישן פֿויערטום"[61], אַז „דער קאַמף מיטן פֿאַשיזם באַדייט דעריבער (לויטן „בונד" — ש. ז.) אויף דער יידישער גאַס אַ קאַמף מיט אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען... (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל). אַלע טיילן פֿון דער יידישער בורזשואַזיע שטיצן אוממיטלבאַר דעם פֿאַשיסטישן רעזשים און ווערן דורך אים געשטיצט" (טעזן פֿון די „איינסער" אָדער ווי מיר לייענען אין די טעזן פֿון די „צווייער": נישט פֿאַראַן היינט קיין איין יידיש-בירגערלעכע גרופּע (אונטערגעשטראָכן פֿון אויטאָר), וועלכע זאָל פֿעיק זיין צו פֿאַרנעמען אַן אומאָפּהענגיקע אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג לגבי דעם הערשנדיקן סאַנאַציע-לאַגער".[62]

* * *

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שווערער לאַגע פֿון די יידן, מיט די פּאָגראָמען אין בריסק. ווילנע, מינסק מאַז. נריצע. פּשיטיק און אנד. שטעט און שטעטלעך, ווען יידיש לעבן איז געוואָרן הפקר און שוצלאָז, האָט דער צ. ק. פֿון דער קפּפּ אין אַ ריי אויפֿרופֿן אין דער יידישער שפּראַך אין די יאָרן 1936-37 (געשריבן לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן פֿון חבר דוד ריכטער) זיך געוואָנדן מיט אַ קרעפֿטיקן רוף צו אַלע אַרבעטער, פֿאָלקס-מאַסן און צו אַלע סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע פּאַרטייען:

„לאָמיר שאַפֿן דעם אַנטיפֿאַשיסטישן פֿאָלקס-פֿראָנט און געמיינזאַם געשטיצט דורך דער סאָלידאַריטעט פֿון פּוילישן אַרבעטער-קלאַס און גאַנצן דעמאָקראַטישן לאַגער, לאָמיר באמת דערקלערן אַ קאַמף דער אַנטיסעמיטישער רעאַקציע און פֿאַשיזם, די פּאָגראָם-העצער און יידן-פֿאַר-

---

געוואָרן אין זייער בלישט דערלאַנגן די רעאַליזירונג פֿון דעם איינהייטלעכן-פֿראָנט מיט די קאָמוניסטן. זיי האָבן די פֿעלערן פֿאַרגעשטעלט פֿאַר זייערע מיטגלידער אַלס מניעות פֿון ביידע זייטן.

61 צוויי פּראָיעקטן פֿון אַ פּרינציפּן-דעקלאַראַציע. אויסגאַבע פֿון צ. ק. „בונד" 1934. זייטן 24, 26, 56. (אינסטיטוט פֿאַר פּאַרטיי-געשיכטע ביים צ. ק.).

62 דאָרט.

פּאָלגער, זיי אַלע, וואָס ווילן אויסראָטן די יידישע באַפעלקערונג פון פּוילן".[63]

ווען אונטער דעם דרוק פון די מאַסן האָבן אייניקע יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען (פּאָלקס-פּאַרטיי, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע), ווי אויך פּועלי ציון געגומען די איניציאַטיוו צו רופן אַן אלגעמייגעם קאָנגרעס, געווידמעט דעם קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, פאַר אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, ווי אויך פאַר הילף דער יידישער רואינירטער באַפעלקערונג, האָט חבר דוד אָנגעשריבן אַ ריי אַרטיקלען, פאַרטיידיקנדיק דעם ריכטיקן שטאַנדפּונקט אָנטיילצונעמען אין דעם קאָנגרעס. ער האָט פּאָלעמיזירט מיט די בונדישע טענות קעגן אָנטייל. „זייערע טענות זענען — שרייבט דוד — דאָרט איז דאָך באַטייליקט די יידישע בורזשואַזיע, ס'איז דאָך אַ כל-ישראל-פראָנט, צי קאָן מען זיי גלויבן?"[64]

„קיין איינע פון די טענות — שרייבט דוד — שוואַכט נישט אָפּ די קראַפט פון אונדזערע אַרגומענטן (אָנטיילצונעמען אין קאָנגרעס — ש. ז.), אין די ברייטע מאַסן, וועלכע גייען נאָך די פאַרטייען פון יידישן בירגערטום מיט גרעסערן אָדער קלענערן צוטרוי זענען אָנגעזאמלט גרויסע סומען פון אַנטיפאַשיסטישער קאַמפס-ענערגיע". „טאָ פאַרוואָס נישט זיין אויף דעם קאָנגרעס — (פרעגט דוד די בונדישע אַרבעטער און זייערע פירער) — וואָס וועט גערופן אונטערן צייכן פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם?"[65]

זיין קרעפטיקער ארגומענט, מיט וועלכן ער ווענדט זיך צום צ. ק. פון „בונד" איז: „פאַרוואָס איז מעגלעך אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע באַפרייונגספראָנטן אין קאטאלאניע, באסקן-לאַנד און ביי יידן נישט"?

דער קאָנגרעס וועט זיין דאָס, וואָס די יידישע ארבעטער וועלן פון אים מאַכן דורך דעם אָנטייל אין אים מצד אַלע אַרבעטער-פאַרטייען.

וועלכן זשע וועג דאַרף דער יידישער אַרבעטער אויסוויילן? דער בונדישער באַדייט: נישט נעמען אין באַטראַכט, וואָס גרויסע שיכטן פון יידישן קליינבירגערטום זענען איצט מער גענייגט, ווי אַמאָל גיין צוזאַמען

---

[63] אַרכ. פון אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי-געשיכטע ביים צ. ק. פּזפּר — טעטשקע אויפרופן צ. ק. קפּפּ, פעברואַר 1937.

[64] „וועגן אַ יידישן פאָלקס-קאָנגרעס אין פּוילן", „צום קאַמף" — אָרגאַן פון צ. ק. קפּפּ אין דער יידישער שפּראַך. יוני 1937. (אינסט. פאַר פּאַרטיי-געשיכטע).

[65] דאָרט.

מיט די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן און נישט אָנטיילנע־מען אין דעם קאָנגרעס. בלויז דערפאַר, וואָס די איניציאַטאָרן זענען די בירגערלעכע פּאַרטייען. דאָס וואָלט געהייסן „איבערלאָזן (דעם קאָנגרעס — ש. ז.) אין די הענט פון די רעכטע בירגערלעכע פירער און פּאָליטישע גבאים". דאָס וואָלט באַדייט „צונישט מאַכן די אָנגעזאַמלטע אַנטיפאַשיס־טישע קאַמפס־ענערגיע ביי דער יידישער בירגערלעכער מאַסע און זייער קאַמפס־גרייטקייט".

פאַראַן אויך אַן אַנדער ברירה — שרייבט דוד אין דעם אַרטיקל:

כדי „דער קאָנגרעס זאָל זיין פּרוכטבאַרער און פון א גרויסער באַ־דייטונג אין קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, פאַר דעמאָקראַטיע, מוז דער געשלאָסענער איינהייטלעכער אַרויס־טריט פון גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט (אונ־טערגעשטראָכן אין אָריגינאַל) בילדן דעם קערן פונעם דעמאָקראַטישן און נאַציאָנאַל־באַפרייערישן פראָנט".[66]

די שעדלעכקייט פון דער בונדישער ברירה — באַווייזט דוד — איז אינעם איבערלאָזן די פירער פון די בירגערלעכע פּאַרטייען צו „ווערן דער צענטער און פאַרפירן די יידישע מאַסן".

אונדזער ברירה איז: דורכן אָנטייל פון די קאָמוניסטן, בונדיסטן און אנד. אַרבעטער־פּאַרטייען פאַרוואַנדלען דעם קאָנגרעס אין א „צענטער, אַרום וועלכן ס'זאַמלען זיך אַלע לעבעדיקע צו פרייהייט און רעכט שטרעבנדיקע כוחות, וועלכע זענען פאַראַן אין אַלע גרופּירונגען פון דער יידישער געזעלשאַפט אין פּוילן און פירן די אַלע כוחות אונטער די פענער פון קאַמף".[67]

נישט געקוקט אויף דער קאָמוניסטישער איינשטעלונג, אַז אין די פראַגן פון קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם דאַרף גערופן ווערן אַן אַלפּוילישער קאָנגרעס, האָבן די קאָמוניסטן אין דער קאָנקרעטער געשעע־פענער סיטואַציע דערקלערט אין זייערע עפנטלעכע בריוו צו די יידישע אַרבעטער און צו די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען די גרייטקייט צו מאַרשירן מיט אַלע, וועלכע זענען גרייט צו קעמפן פאַר די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

---

[66] דאָרט.

[67] דאָרט.

פון אינפאָרמאַציע בריוו [68] פון צענטראַלן אינסטרוקטאָר ביים צ. ק. פאַר פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סביבה דערווייסן מיר זיך, אַז דעם 11־טן מערץ 1936 האָבן די קאָמוניסטן זיך געוואָנדן צום „בונד" וועגן אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק אַלס פּראָטעסט קעגן די אַנטי־יידישע פּאָגראָמען. דער בונד האָט סאַבאָטירט מיטן ענטפער. מיט צוויי טעג שפּע־טער האָט דער „בונד" און דער לאַנד־ראַט פּראָקלאַמירט אַ האַלבטאָגיקן שטרייק אויפן 17־טן מערץ 1936 בלויז פון די יידישע אַרבעטער — די פּפּס און די צענטראַלע קאָמיסיע פון די פּראָפאַריינען האָבן אָפּגעזאָגט זייער אָנ־טייל. דאַן האָבן די קאָמוניסטן פאָרגעלייגט אַ געמיינזאַמען אויפרוף און אין טאָג פון שטרייק געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציעס, ווי אויך אַז דער שטרייק זאָל דויערן אַ גאַנצן טאָג און אַריינציען אין שטרייק די ברייטע קליינביר־גערלעכע און מיטל־קלאַסן. די אַלע פּאָרשלאָגן — אינפאָרמירט דער אינסטרוקטאָר — זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן מצד דעם „בונד".

אָט וואָס מיר לייענען אין אינפאָרמאַציע־בריוו צום סעקרעטאַריאַט:

„איך שרייב די ווערטער דעם 17־טן ביי טאָג. איך טייל זיך פּראָסט מיט מיינע אינפאָרמאַציעס און איינדרוקן. פון באַלד אין דער פרי האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן קאָנטראָל־קאָמיסיעס פּיקעטן (געמיינזאַמע), וועלכע האָבן גערופן צו פאַרמאַכן די געוועלבער. אַלע געוועלבער, קליינע, מיטעלע און גרויסע זענען געווען געשלאָסן. די יידישע לערן־אַנשטאַלטן, שולן און מיטלשולן זענען געווען נישט טעטיק... פון באַלד אין דער פרי האָט געפעלט ברויט צוליב דעם שטרייק פון די בעקער אין דער נאַכט פון 16־טן אויפן 17־טן, דאָס שעכטהויז איז פון 2 אזייגער געווען נישט טע־טיק. (געשטרייקט האָבן פּוילישע און יידישע). די צייטונגען האָבן זיך באַ־וויזן נאָכמיטאָג. דער האַנדל אין דעם דרום־טייל פון וואַרשע איז אָפּגע־שטאָרבן, די גאַסן זענען איבערפולט מיט גרויסע מאַסן אַרבעטער, האַנט־ווערקער, באַלופּניקעס און אַרבעטס־מענטשן. דער שטרייק האָט אַרומגע־נומען 9/10 פון די אַרבעטער און האָט מיטגעצויגן מיט זיך 2/3 פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע. די רייטער־פּאָליציי איז געפאָרן אויף די טראָטוארן כדי פאַנאַנדערטריבן דעם מאַסן־עולם. אַזאַ בילד האָט שוין וואַרשע לאַנג נישט געזען"[69].

---

[68] בריוו פון 17־טן מערץ 1936 (ŁzD) סיג. 158/16 (אינסט. פאַר פּאַרטיי געשיכטע).

[69] דאָרט.

דאָס אַלץ שרייבט דער אינסטרוקטאָר אויף דער הייסער מינוט. ער נאָטירט זיינע איינדרוקן וועגן די מוטיקע שטימונגען פון קאַמף פון די מאַסן אויף דער גאַס.

„אויפן הויף פון פּזשעיאַזד [70] טויזנטער אַרבעטער, אַלע ווינקלען זענען איבערגעפולט, אויף די פּאַראַפּעטן פון די ווענט, אין די קאָרידאָרן ביי די פענצטער, אויף די פענצטער גופא — אומעטום איז פול. אויף איינעם פון די באַלקאָנען באַווייזט זיך ערליך און הימלפאַרב. דער ערשטער הייבט אָן רעדן, אָבער די מאַסע רייסט אים איבער. עס הערן זיך געשרייען: וו איז אַבראַם? [71] וואָס איז דאָס פאַר אַן איינהייטלעכער פראָנט? ערליך און הימלפאַרב זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרבעטן אונדזער חבר אויפן באַלקאָן און ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן איז קיין סוף נישט געווען צו די אַפּלאָדיסמענטן“.[72]

אינטערעסאַנט איז די פּראָוויזאָרישע אָפּשאַצונג פון שטרייק, אָנגעמערקט אין דעם בריוו, ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און מלחמה, קעגן פאַשיזם ענדיקט זיך נישט מיט דער אַרויסטרעטונג אין טאָג פון 17־טן מערץ, די אַרויסטרעטונג מוז ווערן דער קאַפּיטאַל פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט און פויערים־מאַסן אין אָנקומענדיקן 1־טן מאַי. „דער שטרייק האָט באַוויזן — שרייבט ער — אַז ווען די אַרבעטער־מאַסן גייען אַרויס אין גאַס הערן אויף די פאַשיסטישע באַנדעס צו זיין די באַלעבאַטים“.

אין א בריוו פון סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. דעם פּאָליט־ביוראָ [73] ווערט איבערגעגעבן דעם שמועס פון חבר ד. ריכטער מצד דעם צ. ק. פון דער קפּפּ מיטן פאָרשטייער פון „בונד“ ה. ערליך וועגן געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציעס אין טאָג פון 1־טן מאַי.

---

[70] אויפן פּזשעיאַזד 9 איז געווען אַן אַרבעטער־קיך, „אַרבעטער־ווינקל“ און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אונטער דער אָנפירונג פון „בונד“.

[71] דער אויטאָר מיינט אַבראַהם ראָזענפעלד, פאָרזיצער פון פראָפּ־פאַריין פון די טעקסטיל־אַרבעטער אין וואַרשע, מיטגליד אין עקזעקוטיוו פון קולטור אמט אין וואַרשע. באַקאַנטער קאָמוניסטישער טוער אין וואַרשע.

[72] דער אויטאָר אינפאָרמירט אויך וועגן אָנטייל פון באַדייטנדיקע טיילן פון פוילישע אַרבעטער אין וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק א. אנד. וועגן דעמאָנסטראַציעס אין דעם טאָג פון שטרייק אויך די גאַסן זאַמענהאָף, דזשעלנע, נישט געקוקט וואָס די בונדישע רעדנער האָבן גערופן רואיק אהיים צוגיין.

[73] בריוו פון סעקרעטאַריאַט פון 12/4. 1936 צום פּאָליט־ביוראָ (ŁzD). (אַרכיוו אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע).

אין דעם שמועס האָט ערלעך — פאָרשטייער פון „בונד“ — דערקלערט דודן: אַז „צו געמיינזאַמע און אינטערנאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציעס וועט בכלל נישט דערגיין, ווייל דער רעגירונגס-קאָמיסאַר (פאַשיסטישע פאָליציי — ש. ז.) האָט דערקלערט אַלע לעגאַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, אַז זיי מוזן האָבן באַזונדערע מאַרשרוטן אין יידישן ראיאָן“. דוד האָט מיט אויפרעגונג און מיט פיל זאָרג אין זיין שמועס מיט ערליכן רעאַגירט אויף דעם אָפּזאָג פון „בונד“ אָנטיילצונעמען אין די געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציעס צוליב דעם ווונטש פון רעגירונגס-קאָמיסאַר.

דוד איז אין דער צייט געווען סעקרעטאַר פון דער יידישער און אַלגעמיינער פאַרטיי-רעדאַקציע, צענטראַלער אינסטרוקטאָר ביים צ. ק. פאַר פאַרטיי-אַרבעט אין דער יידישער סביבה. דוד האָט באַקעמפט פון איין זייט די טענדענץ נישט אָנטיילצונעמען אין פראָטעסט-שטרייק פון 17-טן מערץ 1936, פּראָקלאַמירט פון לאַנד-ראַט פון די יידישע פּראָפּ.-פאַריינען ווייל ער איז נישט קיין אַלפּוילישער און פון דער צווייטער זייט — די שעדלעך סעקטאַנטישע איינשטעלונג פון רעכטן „בונד“ נישט אָנטיילצונעמען אינעם פּראָטעסט-שטרייק פון 24-טן מאי 1937, ווייל ער איז פּראָקלאַמירט דורך די יידישע בירגערלעכע פאַרטייען.

אָט וואָס מיר לייענען אין אויפרוף פון צ. ק. פון מאי 1937 — געשריבן פון חבר דוד ריכטער:

„דער אימפּאָזאַנטער - איינהייטלעכער צווייַשעהדיקער פּראָטעסט-שטרייק דעם 24-טן מאי ה. י. האָט באַוויזן ווי רעאַל ס׳זענען די מעגלעכקייטן פון אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמען פראָנט פון די יידישע פאָלקס-מאַסן, פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג צום קאַמף פאַר אירע רעכט און פאָדערונגען... איןביידע פאַלן (17-טער מערץ און 24-טער מאי — ש.ז.) איז געקומען צום אויסדרוק דער אַנטיפאַשיסטישער כאַראַקטער, אין ביידע פאַלן זענען די ארויסטרעטונגען געווען דער אויסדרוק פון קאַמף פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר אירע רעכט און אינטערעסן“.

די דאָזיקע קאַמף-איינהייט — האָט דוד געשריבן — טאָר אָבער נישט זיין קיין צופעליקייט ווי ביז איצט. מען דאַרף די ענערגיע און שטרעבונגען צו איינהייט צעמענטירן אין פעסט סטאַביליזירטע אָרגאַני-

זאַציאָנעלע פאָרמען. דער אַנטיפאַשיסטישער פראָנט פון דער יידישער באַפעלקערונג מוז תיכף אָרגאַניזירט ווערן.[74]

לאָמיר זיך אומקערן צום פּראָיעקטירטן יידישן קאָנגרעס לויט דער איניציאַטיוו פון די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען. די איניציאַטאָרן האָבן אין דער לעצטער מינוט געענדערט דעם פריער איינגעשטעלטן פּראָגראַם.

דער קאָמוניקאַט וועגן צונויפרופן דעם קאָנגרעס האָט געלויטעט:

„דער יידישער קאָנגרעס אין פּוילן, אָרגאַניזירט דורכן פּוילישן יידנטום צום קאַמף פאַר זיין מענטשלעכער, בירגערלעכער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען, צום קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר ווירטשאַפטלעכער הילף און אויפבוי. דער קאָנגרעס וועט אויסוויילן אַ דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנץ".[75]

דער אָנטייל פון די קאָמוניסטן איז געווען באַדינגט פון דעם פון פאָרויס קלאָר פאָרמולירטן פּראָגראַם.

דער באַדינג פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע איז געווען, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט פראַגן, וועלכע טיילן די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און אַז ער וועט נישט שטעלן קיין פראַגן פון עמיגראַציאָניזם, „וואָס וואָלט געווען אויף דער האַנט פון די אַנטיסעמיטן", און אַז „דער קאָנגרעס וועט זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך מיט פראַגן פון קאַמף פון פּוילישן יידנטום אויפן אָרט".

די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן אָבער באַשלאָסן יאָ צו שטעלן אויפן טאָגאָרדענונג די פראַגע פון עמיגראַציע פון יידן קיין פּאַלעסטינע און די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער יידישער „קהלה" אין פאַשיסטישן סיים, אַז ס'וועט נישט דערלאָזט ווערן דער פאָרשלאַג פון די אַנטיפאַשיסטישע כוחות, אַז די יידישע דעפּוטאַטן זאָלן פאַרלאָזן דעם באַיקאָטירטן דורך דער גאַנצער דעמאָקראַטיע אין פּוילן — סיים, די אָר-

[74] אין די בריוו פון סעקרעטאַריאַט צום פּאָליט ביוראָ פון 26-טן מאַי און פון 3-טן יוני 1937 דערציילט זיך וועגן אָנטייל פון די פּוילישע אַרבעטער אינעם פּראָטעסט-שטרייק אין טאָג פון 24-טן מאַי און וועגן אָנטייל פון פּוילישע אַרבעטער און דער דעמאָנסטראַציע (2.000) אין דעם טאָג גערופן פון דער קפּפּ. (אַרכיוו פון אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי-געשיכטע).

[75] דער קאָמוניקאַט און די ווייטערדיקע ציטאַטן לויטן אַרטיקל „וועגן דער פראַגע פון יידישן קאָנגרעס" — טשערוואָני שטאַנדאַר" (רויטע פאָן) נומער 4, 15 יאַנואַר 1938 (אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי-געשיכטע).

גאַניזאַטאָרן האָבן אויך איינגעלאַדן די פּאַשיסטישע ציוניסטן—רעוויזיאָניסטן און אַנדערע רעאַקציאָנערע גרופּן.

אַזוי אַרום האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן אָפּגעשטויסן די דעמאָקראַטיע און אַרבעטער־גרופּירונגען.

דוד ריכטער האָט פֿאַרן צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער פּאַרטיי אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער פֿראַגע. אין דעם אַרטיקל האָט ער פֿאָרמולירט די נייע שטעלונג, וואָס איז געקומען צוליב דעם געענדערטן פּראָגראַם פֿונעם קאָנגרעס.

אָט וואָס מיר לייענען אין דעם אַרטיקל:

„פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן קאַמף און אַקטועלע אויפֿגאַבן פֿון אַרבעטער־קלאַס אין דער איצטיקער מינוט — איז אַזאַ קאָנגרעס אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג... די גוטסקייט פֿון דעם קאַמף פֿאָדערט, אַז די אַרבעטער־מאַסן זאָלן אָנטיילנעמען נישט בלויז אין די אַנטיפֿאַשיסטישע אַרויסטרעטונגען, אָרגאַניזירטע דורכן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך אין אַלע אַנטיפֿאַשיסטישע אַקציעס, אומאָפּהענגיק פֿון וועמען זיי ווערן אָרגאַניזירט... די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון קאָנגרעס האָבן אָבער איבערגעשטראָכן זיין דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, געענדערט זיין פּראָגראַם און פּלאַטפֿאָרם, וואָס האָט געגעבן אַ גרונט אָנטיילצונעמען אינעם קאָנגרעס די אַרבעטער און דעמאָקראַטיע, „דעריבער — שרייבט ווייטער דוד — הערט ער אויף צו זיין דער קאָנגרעס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג און ווערט אַ ציוניסטישער קאָנגרעס“...

אין דעם אַרטיקל רופֿט דוד ריכטער די אַרבעטער צו דעמאַסקירן די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון איצטיקן קאָנגרעס, אויפֿווייזן זייער פֿאַראַט פֿון דער דעמאָקראַטיש־אַנטיפֿאַשיסטישער פּלאַטפֿאָרם און דאָס אונטעראָרדענען די בלוטיקע אינטערעסן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן די ציוניסטישע אינטערעסן. „די קאָמוניסטן — פֿאַרענדיקט ער דאָס אַרטיקל מיט די ווערטער — וועלן פֿאָרזעצן דעם קאַמף פֿאַר אַ פּאַקטישן אַנטיפֿאַשיסטישן, דעמאָקראַטישן קאָנגרעס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן“.

וואַרשיינלעך איז דאָס אַרטיקל פֿון דודן דער לעצטער פֿאַרן פֿאַנאַנדערלאָזן די קפּפּ.

זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן, באַזונדערס אין דער פֿראַגע פֿון אַן איינהייטלעכן פֿאָלקס־פֿראָנט, האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע אויפֿקלערערישע באַדייטונג. זיי האָבן נישט בלויז באַוואָפֿנט די קאָמוניסטן און סימ־

פּאַטיקער, נאָר זענען געווען אַ וויכטיק אידעאָלאָגיש־פּאָליטיש געווער פאַר די אייניהייטס־פראָנטיק געשטימטע אַרבעטער און טוער פון „בונד“ און אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

אויף די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען פלעגט מען דורכן אַרטיקלען לייע־נען, מען פלעגט וועגן זיי אויך דיסקוטירן און אויף די אומלעגאַלע אַרבעטער־בירזשעס.

* * *

חבר דוד ריכטער איז נישט בלויז געווען רעדאַקטאָר און פּובלי־ציסט, נישט בלויז אויטאָר פון גלענצנדיקע אַרטיקלען, אויפרופן, בראָ־שורן, טעזן פאַר פּראָפּאַגאַנדיסטן, ער האָט אויך אין יענע יאָרן פּאָלי־טיש־אָרגאַניזאַציאָנעל אָנגעפירט מיט פאַרשידענע אַקציעס און טאָג־טעג־לעכער פּאַרטיי־אַרבעט. חבר דוד האָט געמוזט פאַרטרעטן פיל צענטראַלע טוער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין תפיסה און אין איזאָלאַציע־לאַגער אין בערעזע.

אויסער דער אָנפירנדיקער ראָל אין „פריינד“ און רעדאַקטאָר פון „צום קאַמף“, איז דוד אין די ערשטע מאָנאַטן פון 1935 מיטגליד אין עקזעקוטיוו פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער קפּפּ. נאָכן פאַרמאַכן דורך דער פּאָליציי דעם „פריינד“ (מערץ 1935) ווערט דוד געשיקט דורכן צ. ק. אויפן קוילן־געביט, וווּ ער האָט אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיי־אַר־בעט אין דער יידישער סביבה אין 4 פּאַרטיי־געגנטן (אויבערשלעזיע, דאָמבראָווער זאַגלעמביע, קראָקע און טשעשין), דאָרט איז ער קנאַפּע 9 מאָנאַטן צייט אַקטיוו.

אין 1936 יאָר, ביי דער מיטהילף און אָנפירונג פון חבר דוד, האָבן די יידישע קאָמוניסטישע שרייבער און קולטור־טוער געשאַפן אַ קולטור־פראָנט. דער קולטור־פראָנט גיט אַרויס אַ געמיינזאַמע צייטשריפט „פאַר־מעסט“ [76]. אין דעם פראָנט האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַ טייל פון דער יידי־שער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ און לינקפּעצעקישע קולטור־טוער (צווישן אַנדערע דר. אַדאָלף בערמאַן, דר. רפאל מאַהלער, דר. עמנועל רינגעל־בלום).

דורן זעען מיר ביי די צוגרייטונגען צום אַלגעמיינעם אַנטיפאַשיס־טישן קאָנגרעס אין לעמבערג אין 1936 יאָר, וווּ עס זענען אויך געווען

---

[76] סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע איז געווען חבר ד. ספאַרד.

דעלעגירטע יידישע קולטור=טוער — קאָמוניסטן און נישט קאָמוניסטן. דודס אַקטיווקייט מיט דער פעדער און אָרגאַניזאַציע=טעטיקייט פאַרפעלט אויך נישט אין דער גרויסער מאָביליזאַציע און צוגרייטונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור=קאָנגרעס אין אויגוסט 1937 יאָר אין פאַריז — גרופן פון דעמאָקראַטיש=אַנטיפאַשיסטישע עלעמענטן צום קאַמף קעגן היטלעריזם און זיין קולטור=באַרבאַריזם. אויך אין דער אַקציע פאַר דעם רעפובליקאַנישן שפּאַניע האָט דוד ריכטער זיין חלק.

אויפן יסוד פון דוד ריכטערס רעלאַציעס אינפאָרמירט דער סעקרעטאַריאַט אין זיינע בריוו צום פּאָליט=ביוראָ, אַז „די קאַמפּאַניע אַרום דעם יידישן קאָנגרעס אין פאַריז פאַר פאַרטיידיקן די קולטור, אַנטוויקלט זיך זייער שיין. מיר האָבן זיך דערערדט מיט די יידישע שרייבער, אַז די צייטונג זאָל ווידמען אַ ספּעציעלן נומער דעם קאָנגרעס“. די בריוו אינפאָרמירן אויך, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די צוגרייטונגען צום קאָנגרעס אין פאַריז איז דורך דער איניציאַטיוו פון די קאָמוניסטן פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן ליטעראַטן=פאַריין און אַרטיסטן=פאַריין, פאָלקיסטן און אומפאַרטייאישע דעמאָקראַטן. די צענטראַלע יידישע שול=אָרגאַניזאַציע באַהערשט פון אַ מערהייט בונדיסטן האָט אָפּגעזאָגט איר אָנטייל. אויף דער קאָנפערענץ (23 אָנוועזנדיקע) איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון 7 פערזאָן און אַז אויך אין ווילנע עקזיסטירט אַזאַ קאָמיטעט.[77]

פון די בריוו דערוויסן מיר זיך אויך, אַז די שרייבער=קאָמוניסטן האָבן אויף דער פאַרוואַלטונגס=זיצונג פון יידישן ליטעראַטן=פאַריין דורכגעפירט אַן איינהייטלעכן באַשלוס, אַז דער ליטעראַטן=פאַריין זאָל שיקן אַ דעלעגאַציע צום קאָנגרעס אין פאַריז, אַז דער באַשלוס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די פאַריין=מיטגלידער.[78] מיט דודס אָנפירנדיקער הילף איז אַנטשטאַנען אין יוני 1934

---

77 זע בריוו פון סעקרעטאַריאַט פון 15/4 1937 יאָר (אזהפ).

78 זע בריוו פון סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. פון 37—29/4 (אזהפ). אין דעם בריוו איז אויך פאַראַן אַן אינפאָרמאַציע, אַז די 2 בונדישע פאָרשטייער אין דער פאַרוואַלטונג — שעפנער און קאַזשדאַן — וועלכע האָבן געשטימט פאַר דעם באַשלוס האָבן אויף שפּעטערדיקע זיצונגען געמאַכט פרוון — אונטערן דרוק פון זייער רעכטן צ. ק. — צו רעווידירן דעם פריקן באַשלוס. די פרוון זענען צונישט געמאַכט געוואָרן דורך דער מערהייט פון דער פאַרוואַל=

די גרויסע פּראָסאָוויעטישע מאַסן=אָרגאַניזאַציע „אַגראָיד“. דער „בונד“ און אויך אַלע ציוניסטישע שאַטירונגען האָבן די אָרגאַניזאַציע באַקעמפט. דאָך נאָך אַ קורצער צייט האָט די אָרגאַניזאַציע געציילט טויזנטער מיטגלידער און פריינד און אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.[79]

אין פעברואַר 1935 קומט פאָר די גרויסע וואַרשעווער אַרבעטערבאַראַטונג. דוד אַלס מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער קפפ האָט זיך פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צו דער באַראַטונג צווישן די אָרגאַניזירטע און נישט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אין וואַרשע. דער „פריינד“ אונטער זיין רעדאַקציע האָט פיל געווידמעט דער באַראַטונג.[80]

אין קאַמף פאַר פאַראייניקן די צעשפּאָלטענע פראָפ. באַוועגונג האָט דוד ריכטער גרויסע פאַרדינסטן. אין אַ ריי אינפאָרמאַציע=בריוו פון סעקרעטאַריאַט צום פּאָליט=ביוראָ דערוויסן מיר זיך וועגן דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון די חברים אין קאַמף פאַר רעאַליזירן די אויפ=

---

טונג. לויט די מינדלעכע רעלאַציעס פון חבר ב. מאַרק — מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון ליט. פאַריין (ד. ספאַרד איז געווען וויצע=פאָרזיצער) אין יענער צייט — ווייזט זיך אַרויס, אַז שפּעטער אַלס פאָרזיצער פון פאַריין האָט אויף אַ ריי זיצונגען געסטראַשעט מיט אומלעגאַליטעט פון פאַריין, אַז ער וועט לייגן דעם מאַנדאַט, אַז די בונדיסטן וועלן אַרויסטרעטן פון פאַריין, אַז די פ. צ. קישע גרופּע וועט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער ייד. שול. אָרג. — אויב דער באַשלוס וועגן אָנטייל אין קאָנגרעס וועט נישט רעווידירט ווערן. די מערהייט — אויסער די קאָמוניסטן — האָבן זיך געלאָזט טעראָריזירן און אַזוי אַרום איז דער פאָלקס=פּראַקטיקער באַשלוס אַנולירט געוואָרן.

[79] בלויז אין איינע פון די פיל אָרגאַניזירטע פּראָסאָוויעטישע אַקציעס — דורך דער אָנפירונג פון „אגראָיד“ — ביכער=זאַמלונג פאַר דער ביראָבידזשאַנער ביבליאָטעק זענען מאָביליזירט געווען 700 אַקטיוויסטן — קאָמוניסטן און נישט קאָמוניסטן אין וואַרשע — צו דער אַרבעט, וועלכע האָבן באַזוכט 80.000 מענטשן אין זייערע שטובן מיט אונדזער אַגיטאַציע=וואָרט, באַדינט מיט רעדנער פאַרזאַמלונגען אין 54 מאַסן=אָרגאַניזאַציעס און 80 פאַרזאַמלונגען אין „אַגראָיד“=לאָקאַל. אין רעזולטאַט פון דעם איז געזאַמלט געוואָרן 20.000 ביכער בלויז אין וואַרשע. זע „פריינד“ פון 12=טן יאַנואַר 1935 יאָר.

[80] די באַראַטונג האָט רעפּרעזענטירט 75 טויזנט אַרבעטער, צווישן זיי 27 טויזנט אָרגאַניזירטע אין די פראָפ. פאַריינען. די לינקע האָבן רעפּרעזענטירט 20 טויזנט אַרבעטער און 80 דעלעגאַטן. דער „בונד“ — 3.000 אַרבעטער און 150 דעלעגאַטן — אַזוי האָט אויסגעזען די וואַל=אָרדינאַציע — די איבעריקע — פפס און אומפּאַרטייאישע (זע „פריינד“ פון 20 פעברואַר 1935 יאָר).

גאַבע צו פֿאַראייניקן די פּראָפֿ. פֿאַראיינען פֿון די באַקלייד־אַרבעטער. דוד האָט מיטגעאַרבעט ביים אָנצייכענען די ליניע און אינעם אויסאַרבעטן די רעזאָלוציעס צום פֿאַראייניקונגס־צוזאַמענפֿאָר. עטלעכע רעזאָלוציעס זענען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק און מיט אַפּלאָדיסמענטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר: אַ באַגריסונג דעם פֿראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט און דעם דירך אים רעאַליזירטן איינהייטלעכן פֿאָלקס־פֿראָנט, אַ פֿאָרשלאַג אויסצוווילן דעם חבר טעלמאַן אַלס ערן־פֿאָרזיצער אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן טעראָר און באַערן די געפֿאַלענע אינעם קאַמף קעגן פֿאַשיזם, אַ פּראָטעסט קעגן דראַקאָנישן פֿאַרמשפּטן אויף 15 יאָר תפֿיסה דעם חבר לאַמפּע — מיטגליד פֿון פּאָליט־ביוראָ פֿון צ. ק. פֿון דער קפּפּ.

דער בריוו פֿון סעקרעטאַריאַט שאַצט אָפּ זייער הויך די טעטיקייט פֿון די חברים אין די פֿאָרצוזאַמענפֿאָר־צוגרייטונגען און די טעטיקייט פֿון דער דעלעגאַציע אויפֿן צוזאַמענפֿאָר.

* * *

סוף 1935 איז דוד ווייטער אין וואַרשע — שוין אָן איבעררייס ביזן אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דורכן פֿאַנאַנדערלאָזן די קפּפּ. ער איז אַ מיטגליד אין דער צענטראַלער פּאַרטיי־רעדאַקציע און סעקרעטאַר פֿון דער צענטראַלער יידישער פּאַרטיי־רעדאַקציע. און פֿון מאַי 1936 אויך צענטראַלער אינסטרוקטאָר פֿאַר יידישער פּאַרטיי־אַרבעט.

וועגן דודס פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט און שטימונגען דערציילט אונדז זיין בריוו געשריבן מיט זיינע קליינטשיקע אותיות צום סעקרעטאַריאַט, וווּ ער אינפֿאָרמירט וועגן אַ ריי יידישע און נישט יידישע פּראָבלעמען.[81] מיט פֿאַרדראָס שרייבט ער וועגן דער זיצונג פֿון לאַנד־ראַט פֿון די יידישע פּראָפֿ. פֿאַראיינען, וווּ די רעכטע בונדיסטן האָבן אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאַג פֿון די קאָמוניסטן, אַז דער לאַנד־ראַט זאָל פּראָקלאַמירן — אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוגרייטן דעם קאָנגרעס פֿון די פּראָפֿ. פֿאַראיינען — אַ וועראַבירונגס־אַקציע צווישן די נישט אָרגאַניזירטע

---

[81] טעטישקע ŁzD, סעפּטעמבער 1936 אין אַרכ. אינסטיטוט פֿאַר פּאַרטיי־געשיכטע געפֿינט זיך דער בריוו אין אָריגינאַל מיט דודס האַנטשריפֿט, אונטערגעשריבן D.

אַרבעטער און פֿאַרבינדן די אַקציע מיט אַ פּראָטעסט־קאַמפּאַניע קעגן די רעפּרעסיעס לגבי די קלאַסן־פֿאַריינען און זייערע טוער מצד דער פּאָליציי. „געגן — ציטירט דוד ריכטער דעם בונדישן פֿירער אַרטור זיגלבוים — די וווערבירונגס־אַקציעס, געגן די דעמאָראַליזאַציע. מיר וועלן קיינעם נישט בעטן אַריינצוטרעטן אין די פֿאַריינען.[82]

אין דעם בריוו דערציילט דוד אויך, אַז די בונדישע מערהייט אין לאַנד־ראַט דערלאָזט נישט פּערמאַנענט זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער ניי־געשאַפֿענער לאַגע אין די פּראָפֿ. פֿאַריינען (ליקווידאַציע פֿון דער פּאַ־ריינס־דעמאָקראַטיע, דיסקרימינאַציע און רעפּרעסיעס לגבי אַרבעטער — קעגנער פֿון בונד א. אַז. וו.) נאָך דער נישט לאַנג פֿאָרגעקומענער פֿאַר־אייניקונג.[83] אין די אינפֿאָרמאַציע־בריוו קלאָגט זיך דוד ריכטער אויף די פּריש־אַנטשטאַנענע טענדענצן פֿון סעקטאַנטישקייט ביי אַ טייל חברים, וועלכע זענען טעטיק אין דער פּראָפֿ. באַוועגונג אין רעזולטאַט פֿון די נייע רעפּרעסיעס און שיקאַנעס לגבי די לינקע אַרבעטער און טוער מצד דער בונדישער מערהייט אין די פֿאַריינס־פֿאַרוואַלטונגען.

פֿון זיין אינפֿאָרמאַציע־בריוו דערוויסן מיר זיך וועגן אַרטיקל אין דער בונדישער „פֿאָלקסצייטונג“ פֿון ערליכן אין דער פֿראַגע וואַלן צום לאָדזשער שטאָט־ראַט, וווּ ערליך „גייט אַריבער אויף אָפֿענע נאַציאָנאַ־ליסטישע פּאָזיציעס“, רופֿנדיק די יידישע מאַסן צו שטימען אויף דער ליסטע פֿון „בונד“, ווייל נאָר יידן קאָנען זיי פֿאַרטיידיקן און אַזעלכע שטעלט אַרויס דער „בונד“. דוד האָט אין די שמועסן מיטן „בונד“ אויסגענוצט דעם אַרטיקל פֿון ערליכן, באַווייזנדיק, אַז דאָס זענען עלע־מענטן, וועלכע שטערן דעם איינהייטס־פֿראָנט.

---

[82] דאָרט.

[83] אין אַ שפּעטערדיקן בריוו צום סעקרעטאַריאַט — סוף אָקטאָבער 1936 — דערגענצט דוד ריכטער זיינע ידיעות פֿון דער לאַנד־ראַט־זיצונג. מיר דערוויסן זיך, אַז עמיל שערער, וויקטאָר אַלטער — די פֿירער פֿון „בונד“ — האָבן דערקלערט אונדזערע חברים: „פֿאַרגעדענקט, אַז די פּאָלי־טישע אָנפֿירונג אין דער יידישער פּראָפֿ. באַוועגונג — איז די פּאָליטישע אָנפֿירונג פֿון „בונד“. אויף אונדזערע טענות, אַז דער „בונד“ שיקאַנירט אין די פּראָפֿ. פֿאַריינען די קאָמוניסטן צוליב זייער אַגיטאַציע פֿאַרן פֿאָלקס־פֿראָנט האָט שערער — אינפֿאָרמירט דוד ריכטער — דערקלערט „אַזוי איז דאָס און אַזוי וועט דאָס זיין. מיר וועלן נישט דערלויבן צו פֿירן קאָמוניס־טישע פּאָליטיק אין די פּראָפֿ. פֿאַריינען. געפֿעלט אייך נישט — האָט דער־קלערט אַלטער — טרעט אַרויס פֿון די פֿאַריינען“.

אין אַ בריוו פון סעקרעטאַריאַט צום פּאָליט־ביוראָ איז אַ רייד וועגן שמועסן מיטן צענטראַלן אינסטרוקטאָר פאַר פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סביבה (דאָ מיינט מען ד. ריכטערן — ש. ז.) אין דער פראַגע וואַלן צו דער יידישער קהילה. דער חבר דוד האָט פּאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז די וואַל־אַקציע צו דער קהילה — מיטן אָנטייל פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען — קאָן ווערן אַן אַנטיפאַשיסטישער מאָביליזאַציע־עלעמענט צווישן דער יידישער אָרעמקייט און יידישן פּראָלעטאַריאַט. אין דעם שמועס ווערן דורך דודן אַרויסגערוקט אַזעלכע לאָזונגען, ווי נעמען שטייערן נאָר פון דער בורזשואַזיע, די גמינע־פאָנדן זאָלן אויסגענוצט ווערן נאָר און אויסשליסלעך אין די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.[84]

ווי מיר ווייסן שוין, איז דוד געווען איינער פון די דעלעגירטע פון צ. ק. פון דער קפּפּ אויף צו שמועסן מיטן צ. ק. פון „בונד“.

אין אַרכיוו געפינט זיך דודס אַן אָריגינעלער בריוו פון 11 מאַשין־זייטלעך, וווּ ער באַשרייבט זיינס אַ לענגערן שמועס מיטן צ. ק. פון „בונד“.[85] דער שמועס איז פאָרגעקומען דעם 12־טן מאַי 1937. ער באַרירט וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן און יידישן אַרבעטער־קלאַס: די באַפרייונגס־קאַמף אין שפּאַניע, פּראָפ. באַוועגונג. 1־טער מאַי און טעראָר, די באַציונג פון דער בונדישער מיליץ לגבי די לינקע אויף די דעמאָנסטראַציעס. דוד האָט פאָרגעלייגט אַ מיינונגס־אויסטויש וועגן שטרייק־טאַקטיק, וועגן פאַרבינדעטע פון אַרבעטער־קלאַס (פּויערים־באַוועגונג און קליינבירגערטום), פאָלקס־פראָנט און

---

[84] זע בריוו פון 12/10—7 1936, טעטשקע אָקטאָבער 1936. זייט 3—4. אַרכיוו פון אינסט. פאַר פּאַרטיי־געשיכטע. אין אַ שמועס מיט פאָרשטייער פון „בונד“ אין מאַי 1937 האָט ריכטער אָנגעוויזן אויף דער שעדלעכקייט פון דער האַנדלונג פון „בונד“ אין מעזריטש בעת די וואַלן צו דער קהילה, ווו עס איז געווען אַ מעגלעכקייט דורך אייניקייט צו באַהערשן די קהילה־פאַרוואַלטונג. די אַנטיאייניקייטס־האַנדלונג פון „בונד“ האָט דערפירט דערצו, אַז געזיגט האָבן די רעאַקציאָנערע גרופּן. (דודס בריוו פון 18־טן מאַי 1937 וועגן שמועסן מיטן צ. ק. פון „בונד“ אַרכ. פון אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע).

[85] בריוו פון 18־טן מאַי 1937. צוליב קאָנספּיראַציע באַצייכנט דוד די פאָרשטייער פון „בונד“ מיט איניציאַלן N.N און S.S— טעטשקע LzD, מאַי 1937 (אַרכ. פון אינסט. פאַר פּאַרטיי־געשיכטע).

אַנדערע[86]. אין דעם בריוו פילט מען דודס באַזאָרגטקייט און פאַרדראָס צוליב דעם, וואָס די בונדישע פאָרשטייער האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע פאָרשלאָגן און אַזוי אַרום געפירט צו דער אָפּשוואַכונג פון דעם אַנטיפאַשיסטישן כוח אין פוילן. דער בריוו איז דער לעצטער פון דודן אָנגעשריבן.

* * *

זומער 1938 איז צו דודן, ווי צו אַלע קאָמוניסטן דערגאַנגען דער שרעקלעכער קאָמוניקאַט וועגן דער קפּפּ. פאַר אַלע און אויך פאַר דודן איז דאָס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ און אַ שווערע איבערלעבונג.

אויסגעמאַטערט פיזיש, אין שרעקלעכע מאַטעריעלע באַדינגונגען, געפּלאָגט פון דער פּאָליציי, האָט ער זיך געפייניקט מיטן געדאַנק, אַז אין דער שווערער לאַגע פון די מלחמה-צוגרייטונגען פון היטלעריזם איז נישטאָ דער רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד — די קפּפּ. איז נישטאָ אונדזער פּאַרטיי.

אין סעפּטעמבער 1939 יאָר האָבן די פּויליש-יידישע שטעטלעך געברענט פון די היטלעריסטישע באָמבעס.

אין די קאָשמאַר-טעג נאָך מיין קומען פון דער ראַוויטשער תפיסה האָב איך זיך געטראָפן מיט דודן ביי מיין מוטער אין דער וווינונג (מילע 15), וועלכע איז אויף צומאָרגנס אויך פאַרניכטעט געוואָרן פון די ברען-באָמבעס. וואַרשע האָט געברענט. באַזונדערס די יידישע געגנט. פיל שעהן האָט מען געשמועסט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און פּערספּעקטיוון.

אין די שמועסן זענען געקומען צום אויסדרוק זיינע שווערע שטימונגען, די איינזאַמקייט אָן דער פּאַרטיי און די ביטערע לאַגע פון זיין קלאַס, פון זיין פאָלק און לאַנד, וואָס איז אַזוי שווידערלעך פאַראַטן געוואָרן דורך די סקלאַדקאָווסקיס, שמיגלים און בעקס. וויפל פאַרביטערונג האָט זיך געפילט אין זיינע ווערטער לגבי די, וועלכע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער סעפּטעמבער-קאַטאַסטראָפע, וויפל פּאַטריאָטיזם און ליבע צו זיין

[86] זע דאָרט. אין די שמועסן מיטן „בונד“ האָט דוד פאָרגעלייגט מעגלעך צו מאַכן, אַז די קאָמוניסטן זאָלן זיך קאָנען אַרויסזאָגן וועגן די באַרירטע פראַגן אויף די שפּאַלטן פון דער בונדישער פרעסע, אָדער, אַז דער „בונד“ זאָל מסכים זיין אַרויסצוגעבן אַ געמיינזאַמען דיסקוסיע-אָרגאַן, ווי אַלע פראַגן זאָלן קאָנען אַלזייטיק דיסקוטירט ווערן. אויך דער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מצד די בונדישע פאָרשטייער.

לאַנד — פּוילן, וואָס וועט שמאַכטן אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע!

דורן האָט געמאַטערט דער פאַקט, אַז די פּרוון צוריק אויפצובויען די רעוו. פּאַרטיי זענען צעשטערט געוואָרן דורך דעם אַריינמאַרש פון די היטלערישע חיילות אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך. דוד האָט געזען די פּערספּעקטיוו פון דער אַנטשטייונג פון דער קאַמף אין פייער פון קאַמף קעגן די דייטשישע אָקופּאַנטן און אין רעזולטאַט פון זייער מפּלה — דאָס נייע פרייע פּוילן.

לאַנג האָט זיך דוד געראַנגלט מיטן געדאַנק יאָ אָדער נישט פאַרלאָזן וואַרשע און איבערגיין אין די באַפרייטע דורך דער רויטער אַרמיי מערב־ווייסרוסישע אָדער מערב־אוקראַינישע געגנטן. „עס וועט דאָך אַנטשטיין די פּאַרטיי און מיר, קאַפּאָוצעס, וועלן נישט זיין אויפן אָרט“ — האָט ער געטענהט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן גאַסן־כאַפּערייען. אין די שטובן פון די באַקאַנטע קאָמוניסטן זענען שוין פאָרגעקומען רעוויזיעס. באַוויזן זיך אויף דער גאַס און בכלל זיין אין וואַרשע אָדער ערגעץ אַנדערש אין פּוילן האָט באַדייט זיך לאָזן פאַנגען פון דער געסטאַפּאָ.

איין אויסוועג איז געווען — אַריבערקלייבן זיך קיין ביאַליסטאָק און זיך שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון קאָמינטערן. שוין פון די לעצטע פאַרלאָזט דוד וואַרשע מיט זיין זון (די פרוי מיט דער טאָכטער זענען געבליבן אין משענסטאָכאָוו) און קומט קיין ביאַליסטאָק סוף נאָוועמבער אָדער אָנהייב דעצעמבער.

דוד שטעלט זיך תיכף אין קאָנטאַקט מיטן קאָמינטערן און מיטן ביאַליסטאָקער קאָמוניסטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. אין אָנפאַנג אַרבעט דוד ביים אויפבויען די פּראָפ. באַוועגונג. ער איז געוואָרן סעקרעטאַר פון פּראָפאַריין פון די דרוקער־ און צייטונגס־אַרבעטער. דוד ווערט קאָרעספּאָנדענט פון דער מינסקער יידישער טאָג־צייטונג „אָקטיאַבער“ און אין סוף 1940 ווערט דוד אַ מיטאַרבעטער אין סאָוויעטישן „ביאַליסטאָקער שטערן“ און איז אַקטיוו אין פאַריין פון די סאָוויעטישע שרייבער אין ביאַליסטאָק.

עס האָט אים נישט געלאָזט רוען דער געדאַנק, אַז ער געפינט זיך אין באַפרייטן ביאַליסטאָק און די פרוי מיט דער טאָכטער אין געפייניקטן דורכן אָקופּאַנט פּוילן. אַלע זיינע אָנשטרענגונגען און ענערגיע האָט ער אָפּגעגעבן, כדי זיי אַרויסצוראַטעווען.

פיל האָט אים אין דעם געהאָלפן חבר פאַדייעוו — סעקרעטאַר פון אַלסאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד אין מאָסקווע און מיטגליד פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד. אַלץ איז שוין געווען דערליידיקט. מיט אומגעדולד האָט דוד געוואַרט אויף זייער אָנקום קיין ביאַליסטאָק אין יוני—יולי 1941 יאָר.

דער אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד דעם 22־טן יוני האָט צונישט געמאַכט אַלע זיינע באַמיונגען אַרויסצורייסן די פרוי און טאָכטער פון די מערדערישע הענט[87]. דאָס איז געווען דער לעצטער שווערער קלאַפּ און שרעקלעכע איבערלעבונג. מיטן זון איז ער אַנטלאָפן פון ביאַליסטאָק. געיאָגט פון די היטלערישע באַנדיטן, איז דוד צוזאַמען מיטן זון אומגעקומען פון די היטלעריסטישע באָמבעס לעבן סלאָנים אויף מערב־ווייס־רוסלאַנד.[88]

דוד איז געווען אַ געטרייער זעלנער פון זיין קלאַס און פון זיין רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, אַ געטרייער זון פון זיין פאָלק און פון זיין היימלאַנד — פוילן. זיין קלאַס, פאַרטיי און פאָלק האָט ער געדינט אַלע זיינע יאָרן און מיט אַלע זיינע כוחות.

אומגעקומען איז דוד אין 44־טן לעבנס־יאָר, דערפון 26 יאָר אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, דער מאַרקסיסטישער פאַרטיי פון פראָלעטאַריאַט.

ס'איז אים נישט אויסגעקומען צו קעמפן אין דער באַפרייונגס־מלחמה, צו וועלכער ער האָט זיך געריסן, אָנטיילצונעמען אין דער גרויסער שעפערישער בויונג־אַרבעט אין נייעם, באַפרייטן פוילן, פאַר וועלכן ער האָט געקעמפט און געטרוימט אונטער דער אָנפירונג פון דער קפּפּ.

די נאָענטסטע זיינע מיטקעמפער זענען באַרויבט געוואָרן פון דער

---

87 די פרוי — פעלע — אַ קאָמוניסטקע און די טאָכטער אַנקאַ האָבן איבערגעלעבט די אָקופּאַציע־יאָרן אין טשענסטאָכאָווער געטאָ. די פרוי איז געשטאָרבן אין 1946 יאָר אויף אַ ראַק און די טאָכטער האָט געענדיקט מעדיצין אין פוילן און לעבט אין אויסלאַנד.

88 הערש סמאָליאַר גיט איבער, אַז אין סוף יוני 1941, ווען ריכטער מיטן זון זענען אָנגעקומען צופוס פון ביאַליסטאָק קיין סלאָנים, האָט ער באַשלאָסן צוליב דער שרעקלעכער אויסגעמאַטערטקייט צו פאַרבלייבן אין סלאָנים. דעם 7־טן נאָוועמבער 1941 איז דוד מיטן זון אומגעקומען אין דער ערשטער מאַסן־אויסראָטונג דורכגעפירט דורך די היטלערישע באַנדיטן. זע „פאָלקס־שטימע" פון 4־טן אַפּריל 1962. ה. סמאָליאַר „מיט צוואַנציק יאָר צוריק".

מעגלעכקייט צו געניסן פון דער הילף פון אַ מענטש מיט גרויסער גע־טריישאַפט פאַר דער אַרבעטער־זאַך — פאַר דער פאַרטיי.

עס איז אונדז צוגענומען געוואָרן אַ גוטער חבר, מיט אַ טאַלאַנט־פולער פובליציסטישער פעדער און מיט רייך וויסן און דערפאַרונג, אַ חבר, וועלכער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אינטערנאַציאָנאַליזם און פוילישן פאַטריאָטיזם, און דער עיקר — מיט אומקאָמפּראָמיסלעכקייט און איבער־געגעבנקייט אין קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטיש פוילן.

# משה גרינבוים — „גרינבערג“ *

גערופן האָט מען אים „משה דער טויבער“ אָדער „משה גרינבערג“, הגם זיין אמתער נאָמען איז גאָר געווען משה גרינבאום. מיט די צוויי צונעמען איז ער געווען באַקאַנט און פּאָפּולער צווישן די יידישע אַרבעטער פון וואַרשע און פון גאַנץ פּוילן. משה האָט געהערט צו די „לעגאַלע“ קאָמוניסטישע טוער אין פּוילן. דורך זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין די לעגאַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס האָט ער זיך דערוואָרבן ליבשאַפט און אָנערקענונג.

צי דערפאַר, ווייל ער איז געווען טויבלעך, צי דאָס האָט געהערט צו זיינע כאַראַקטער־שטריכן, אָבער זיין אויפמערקזאַמקייט צו יעדן האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין. מיט אַלעמען האָט ער געשמועסט, צו דעם, וואָס אַרבעטער פלעגן זאָגן, האָט ער ליב געהאַט זיך צוצוהערן. אויף דאָס אומעטום: אין פאַריין, אין גאַס און אין שטוב.

„משהס שטוב אויף נאָוואָליפּיע 51 — דערציילט יואל לאַזעבניק — אויפן 4־טן שטאָק, מיט אַ שיפער וואַנט און מיט אַ פענצטערל, וואָס אַ געלעגן אויפן דאַך — איז געווען אַן אַריינפאָר־הויז, אַ טרעף־פונקט פאַר חברים און פריינד. דאָ פלעגט מען פאַרברענגען צווישן ליבע מענטשן — משה און אַדעלע (הערץ, זיין פרוי, אַ טוערין אין דער קפּפּ), וואָס איז אויך געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע און געטרייע מאַמע. זי האָט צוזאַמען מיט משהן האַרציק, פריינדלעך אויפגענומען יעדן איינעם חבר.[1]

אין דעם צימער פלעגן נישט איינמאָל פאַרקומען אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אָדער טרעפונגען, כדי אויף געשווינד עפּעס וואָס צו באַשליסן וועגן פּראָפעסיאָנעלע אָדער פּאַרטיי־פראַגן.

---

* זיין פאָטאָ איז ביז איצט נישט געלונגען צו באַקומען. מיר בעטן פריינד און חברים, ווער עס האָט משהס פאָטאָ, איבערשיקן אויפן אַדרעס פון פאַרלאַג „יידיש בוך“ — פאַר ש. זאַכאַריאַשן.

[1] י. לאַזעבניק. בריוו צו מיר.

שטילינקערהייט פלעגט משה אין שמועסן מיט זיינע נאָענטסטע
טענהן: „וואָס עפּעס „דער טויבער משה?" צי בין איך טויב לגבי קעגנער
און שונאים, ווען זיי העצן קעגן ראַטנפאַרבאַנד, קעגן די קאָמוניסטן בכלל
און יידישע בפרט?" און דאָס איז אמת געווען. אין דער פּאָליטיש־פּראַ־
פּאַרייִנישער טעטיקייט איז ער שוין גאָרנישט געווען טויב. בעת זיין זאַ־
לעבער פּאָלעמיק מיט די רעכטע פירער פון „בונד", פּ. צ. און טראָצקיסטן
פּלעגט ער אַרויסווייזן אַ גוטן געהער, זיין אויער איז געווען ראַפינירט
און אָנגעשפּיצט.

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט משהן אין די זומער־
מאָנאַטן פון 1922 יאָר. געווען איז דאָס אויף אַ קאָמוניסטישער פראַקציע
פון די וואַרשעווער שניידער. אַלס פאָרשטייער פון מוראַנאָווער ראַיאָן־
קאָמיטעט, האָב איך זיך צוגעהערט צו זיין אַרויסטרעטונג. שוין דעמאָלט
איז פאַר אונדז געשטאַנען אַ מענטש מיט פּאָליטישער און פּראָפּעסיאָ־
נעלער דערפאַרונג. ער האָט געוועקט צו זיך אַ באַזונדערע אויפמערק־
זאמקייט.

צו יענער צייט האָב איך נאָך נישט געוווסט געני פונוואַנען ער איז
געקומען. ערשט שפּעטער האָט חבר יוסף לעוואַרטאָווסקי — דעמאָלט סעק־
רעטאַר פון צענטראַלן יידישן ביוראָ און מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמי־
טעט פון קפּפּ — מיר דערציילט, אַז ח' משה איז געקומען פון אויסלאַנד
און אַז ער איז אַן אַלטער פּאַרטיי־מיטגליד.

אויסערלעך פלעגט משה מאַכן דעם איינדרוק פון אַ מענטשן אַ קאַלט־
און פאַרשלאָסענעם אין זיך. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ האַרציקער
און וואַרעמער מענטש. זיינע נאָענטסטע פלעגן דערציילן וועגן זיין אָפן
און וואַרעם האַרץ. אָפט, נאָך זיצונגען, ווען ער פלעגט אַ חבר באַגלייטן
אַהיים, אָדער ווען מען האָט אים באַגלייט, האָט ער פּלוצלינג געגעבן
אַ פרעג: „קום נאָר, צי האָסטו היינט שוין געגעסן מיטאָג?" אין צייטן
פון אַרבעטסלאָזיקייט, שטרייקן איז אַזאַ פראַגע נישט געווען קיין רעטאָ־
ריק. און משה פלעגט זיך טאַקע טיילן מיט זיין לעצטן ביסן.

* * *

משה גרינבאום איז געבוירן געוואָרן אין 1898 יאָר אינעם קליינעם
שטעטל לענטשיץ (לאָדזשער געגנט). זיין מוטער פלעגט שעפּן היונה
פון טראָגן פעק מיט סחורה פאַר די רייכע באַלעבאַטים פון שטעטל.
דער פאָטער, שטאַרק רעליגיעז, האָט געהאַלטן משהן אין חדר ביזן 16־טן
לעבנס־יאָר.

אין 1914 יאָר איז ער קעגן ווילן פֿון די עלטערן אַוועק זיך לערנען שניידעריי אין אַ וואַרשטאַט, וואָס האָט באַשעפֿטיקט 15 אַרבעטער. צו יענער צייט איז דאָס אין שטעטל געווען שוין אַ גאַנצע פֿאַבריק. פֿון די יונגע יאָרן אָן האָט ער דעראָבערט מיט שער און אײַזן זײַן חיונה אין וואַרשטאַט. „דער פּראָלעטאַרישער קאָלעקטיוו — ווי ער שרײַבט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע — האָט אויף מיר געווירקט. איך האָב אין קורצן אָנגעהויבן אָנטיילנעמען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג“.[2]

אין שטעטל איז געווען אַ ביבליאָטעק און אָוונט־קורסן פֿאַר אַרבעטער, אָנגעפֿירט דורך די פּועלי־ציון. אין רעזולטאַט פֿון אַקטיווער טעטיקייט ווערט משה אין יאָר 1915 (געווען איז דאָס בעת דער דײַטשישער אָקופּאַציע) — אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער ביבליאָטעק, די איינציקע אין שטעטל לעגאַלע קולטור־אינסטיטוציע.
אַרבעטער־פּאַרטייען אויסער דער פּ. צ. זענען אין שטעטל נישט געווען. אַלס 17־יאָריקער בחור טרעט משה אַרײַן אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי.

ער פֿאַראינטערעסירט זיך שטאַרק מיט פּאָליטישע פּראָבלעמען, לייענט פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. ער דערוויסט זיך, אַז אין לאָדזש איז טעטיק אַן אַנדער פּאַרטיי — סדקפּל, וועלכע אָרגאַניזירט פּוילישע און יידישע אַרבעטער. דאָס אַנטשפּרעכט זײַן געמיט־צושטאַנד, מיט נאָך צוויי חברים פֿון זײַן שטעטל, טרעט ער אַרויס פֿון דער פּ. צ. און אין סוף 1916 יאָר שטייט ער שוין אין אָרגאַניזאַציאָנעלן קאָנטאַקט — ווי ער שרײַבט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע — „מיט דער פּאַרטיי פֿון דזשערזשינסקי און ראָזע לוקסעמבורג“.

אַהאַנק אים הייבט זיך אָן צו באַווײַזן אין שטעטל אַ ליטעראַטור, וועלכע רופֿט צום קאַמף קעגן דײַטשישן אָקופּאַנט — אַרויסגעגעבן דורך דער ס.ד.ק.פּ.ל. אין שטעטל הייבט מען צו פֿילן נײַע ווינטן. אויף די מויערן באַווײַזן זיך אַלץ אָפֿטער אינטערנאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען און אויפֿרופֿן און אין אָנהייב 1917 אַנטשטייט אין שטעטל אַ סדקפּלישע אָרגאַניזאַציע, מיט אַ שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אין וועלכן משה ווערט אַ מיטגליד און טעטיקער טוער. בעת דער פֿאַראייניקונג פֿון סדקפּל מיט

[2] פּערזענלעכע טעטיקייט; סיגנאַטור 8513. אַרכ. אינסטיטוט פֿאַר פּאַרטיי־געשיכטע.

פּס־ליגקע, ווערט ער אַ מיטגליד אין דער יונגער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. בעת אין וואַרשע קומט פֿאָר די גרויסע שפּאַלטונג אין דער פּ. צ. אָרגאַניזירט משה אַ גרופּע אין דער דאָרטיקער פּועלי־ציון פּאַרטיי פֿאַר דעם אַנשלוס אין דער קפּ״פּ. אַדאַנק זיין טעטיקייט ברייטערן אויס די קאָמוניסטן זייערע איינפֿלוסן צווישן די שניידער־אַרבעטער.

אין 1919 ווערט משה אַרבעטסלאָז, ער פֿאַרלאָזט זיין שטעטל און פֿאָרט קיין דייטשלאַנד זוכן אַרבעט. ער קומט קיין בערלין. אין שניידער־וואַרשטאַט באַקענט ער זיך מיט די דייטשישע קאָמוניסטן און ווערט אַ מיטגליד פֿון דער קפּד. ער ווערט אַקטיוו אין איינעם פֿון די ראַיאָן־קאָמיטעטן פֿון דער בערלינער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

די שיידעמאַן־נאָסקע־רעגירונג הייבט אָן איר טעראָר־אַקציע קעגן דער קפּד. פֿיל קאָמוניסטן ווערן אַריינגעשליידערט אין די תּפֿיסות. נאָך צוויי אַרעסטן ווערט משה אַרויסגעשיקט פֿון דייטשלאַנד.

אין אָנהייב 1920 יאָר איז שוין משה אין דענעמאַרק, אַריבערגייענדיק די גרענעץ מיט דער הילף פֿון דייטשישע קאָמוניסטן. אין דענעמאַרק אַרבעט ער ווייטער אַלס שניידער. די פֿרייע צייט ווידמעט ער פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט צווישן די יידישע עמיגראַנטן. פֿאָרמעל געהערט ער נישט צו דער פּאַרטיי. ער איז אָבער אַ טעטיקער מיטגליד אינעם „קאָמיטעט פֿאַר הילף די קעמפֿער פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע“ און איז אַקטיוו אויך אויף אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע געביטן — באַווירקט פֿון די קאָמוניסטן — אין דער יידישער סביבֿה.

די פּאָליציי דערוויסט זיך וועגן אים און נאָך 7 מאָנאַטן רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט ווערט ער אַרעסטירט און מיטן עטאַפּ אָפּגעשיקט צו דער גרענעץ. משה וואַנדערט ווייטער. מיט דער הילף פֿון חבֿרים קומט ער אומלעגאַל קיין פּאַריז. אין פּאַריז ווערט ער שנעל אַקטיוו אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין פֿון די שניידער־אַרבעטער, גלייכצייטיק פֿירט ער פּאָליטיש־אויפֿקלערערישע אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, דער עיקר געקומענע פֿון פּוילן.

אויך אין פֿראַנקרייך איז משה נישט קיין געווינטשענער „גאַסט“. ער ווערט עטלעכע מאָל אַרעסטירט און באַקומט אַ פּאָליציי־פֿאַראָרדענונג צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. משה וואַנדערט אין אַנדערע פּראָווינציעלע שטעט און ווערט צום סוף מיטן עטאַפּ אַרויסגעשיקט.

די פֿראַנצויזישע קאָמפּאַרטיי קומט אים צו הילף. מיט איר רעקאָמענדאַציעס — וואַנדערנדיק אומלעגאַל דורך אַ ריי גרענעצן — קומט

ער איז אַפּריל 1921 יאָר אָן קײן מאָסקװע. דאָרט טרעפֿט ער זיך מיט געװעזענע סדקפּלאָװצעס פֿון פּױלן. זײ רעקאָמענדירן אים אַלס מיטגליד אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ (באָלשעװיקעס). ער אַרבעט אַלס לײטער פֿון אַ שנײדער־פֿאַבריקל. גלײכצײטיק מאַכט ער באַמיונגען אָנצוקומען אין אַ שול. ער װערט אין גיכן געשיקט אױף אַ קורצן קורס אין קאָמוניסטישן אוניװערסיטעט פֿאַר די מערב־פֿעלקער. ער לערנט זיך אױפֿן ייִדישן סעקטאָר און איז אַקטיװ אין דער מאָסקװער פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז די צײט פֿון דער גרױסער דיסקוסיע אין דער רוסלענדישער קאָמפּאַרטײ. ניט אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען לעניִנס פּלאַן פֿון אַריבערגײן פֿון מלחמה־קאָמוניזם צו דער „נײער עקאָנאָמישער פּאָליטיק“. עס אַנטשטײען פֿאַרשידענע גרופּן און אָפּאָזיציעס אין דער פּאַרטײ. משה, שװאַך באַװאָפֿנט מיט מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן װיסן, האָט אַ געװיסע צײט געהערט צו שלאַפּניקאָװס „אַרבעטער־אָפּאָזיציע“.

נאָכן דערלערנען די מאַטעריאַלן פֿון 10־טן און 11־טן פּאַרטײ־צוזאַמענפֿאָר און לעניִנס אַרטיקלען און רעפֿעראַטן פֿאַרשטײט ער די פֿאַלשקײט פֿון שלאַפּניקאָװס אָפּאָזיציע און רײסט מיט איר איבער.

* * *

אין פּױלן קומען פֿאָר גרױסע פּאָליטישע קאַמפֿן. די יונגע קאָמפּאַרטײ שטײט אין אַ גרױסן געראַנגל. ס׳זענען איר נײטיק אַלץ מער נײע קאַדרן. די באָלשעװיסטישע פּאַרטײ גיט משהן איבער אין רשות פֿון דער פּױלישער סעקציע פֿון קאָמינטערן, װעלכע באַשליסט אים צוזאַמען מיט אַנדערע צו שיקן אין לאַנד אױף פּאָליטישער טעטיקײט. „אמת, איך האָב זיך געװאָלט נאָך אַ ביסל לערנען — פֿלעגט ער שפּעטער דערצײלן זײנע חברים — נאָר איך האָב געזען אין דעם באַשלוס אַן אױסדרוק פֿון צוטרױ צו מיר און האָב אים מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען“. סך הכּל האָט משה זיך געלערנט 7 מאָנאַטן.

אין מאַי 1922 יאָר איז משה אין װאַרשע. אין קורצן װערט ער אײנער פֿון די אָנפֿירנדיקע טוער אינעם מוראַנאָװער ראַיאָן פֿון דער װאַרשעװער פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע. ער װערט אױך שנעל אײנער פֿון די פּאָפּולערסטע טוער אין דעם נאָדל־פֿאַרײן, װאָס איז דעמלט געװען באַהערשט פֿון „בונד“.

װעגן דעם אײנדרוק, װאָס משה האָט געמאַכט אין יענער צײט אױף די חברים, דערצײלן זײנע איבערגעבליבענע בײם לעבן מיטקעמפֿער:

„זיין ערנסטע האַלטונג, זיין באַשיידנקייט, זיין אויפמערקזאַם אויס־הערן און צוהערן זיך צו זיינע מיטשמועסער, האָבן אויף מיר געמאַכט — דאַן נאָך גאָר אַ יונגער אַקטיוויסט — אַ שטאַרקן איינדרוק... זיין וואָרט און זיינע האַנדלונגען האָבן געוועקט ליבשאַפט צווישן פאַרטייער און סימפּאַטיקער און דרך־ארץ מצד אונדזערע קעגנער.[3]

אין דער דאָזיקער צייט וואַקסן און ברייטערן זיך אויס די קאָמוניס־טישע איינפלוסן צווישן די יידישע שניידער־אַרבעטער. ס'קומט פאַר די שפּאַלטונג אין „בונד". עס אַנטשטייט דער „קאָמבונד". משה ווערט אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער סעקציע מענער־פּריוואַט. ער אָרגאַניזירט און פירט אָן מיט באַזונדערע אַקציעס און שטרייקן אין די צעוואָרפענע וואַרשטאַטן און מיטן שטרייק אין גאַנצן פאַך.

אין יענער צייט קומען פאָר וואַלן צו דער פאַריינס־פאַרוואַלטונג פון שניידער־פאַריין. די קאָמוניסטן שטעלן אַרויס אַן אייגענע וואַל־ליסטע. משה איז צווישן די אָנפירער פון דער גרויסער וואַל־אַקציע אין באַדינ־גונגען פון רעפּרעסיעס און שיקאַנעס מצד די רעכטע בונדישע טוער. אין רעזולטאַט פון וואַל־קאַמף אַנטשטייט אַ קאָמוניסטישע פראַקציע אין דער פאַרוואַלטונג פון פאַריין — בראש פון איר שטייט משה. ער ווערט דער וואָרטזאָגער פון דער לינקער אָפּאָזיציע אין שניידער־פאַריין. אין סוף 1922 אָדער אָנהייב 1923 יאָר ווערט משה אויף דער אַלגעמיי־נער פאַרזאַמלונג פון אַלע קאָמוניסטן — שניידער אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פון דער קאָמפראַקציע.

אין צווישנצייט באַהערשן די קאָמוניסטן אָרגאַניזאַציאָנעל אַ ריי פאַך־סעקציעס — מענער־פּריוואַט, מענער־מאַגאַזין, קירזשנער־, היטל־ און קאַפּעליושן־סעקציעס. די קאָמוניסטישע איינפלוסן ווערן אויך שטאַרקער אין די בונדישע פעסטונגען פון דאַמען־מאַגאַזין און דאַמען־פּריוואַט.

די קאָמוניסטן ווערן אַ כוח אַלס די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון די שטרייק־קאַמפּן ביי די שניידער נישט בלויז אין וואַרשע, נאָר אויך אין לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, ביאַליסטאָק, גראָדנע, פּיעטרקאָוו, ווילנע, לעמבערג, בריסק, ראַדאָם און אַנדערע שטעט.

אין די יאָרן 1923—1924 האָבן אין 50 פאַריינס־אָפּטיילונגען גע־האַט אָרט 469 אַקציעס, אין דעם — 267 שטרייקן מיט 29.543

---

[3] י. לאַזעבניק. בריוו צו מיר.

שטרייקנדיקע[4]. משה פלעגט אָפט אין די שטעט געשיקט ווערן, כדי אָרגאַניזאַציאָנעל און פּאָליטיש העלפן די דאָרטיקע חברים.

באַזונדערס אימפּאָזאַנט איז געווען אין מערץ 1924 יאָר אין וואַרשע דער זיגרייכער צווייוואָכיקער שטרייק פון די העלדישע יידיש־פּוילישע מענער־פּריוואַטניקעס, אונטער דער אָנפירונג פון אַ געמיינזאַמען שטרייק־קאָמיטעט, בראש פון וועלכן ס'זענען געשטאַנען משה גרינבאום, וולאַדיסלאַוו קאָוואַלסקי און אַנד. אויך אין דעם שטרייק פון די מענער־מאַגאַזין־אַרבעטער איז געווען משהם אַקטיווער אָנטייל. די מענער־פּריוואַט האָבן געוואונען אַ לוין־הוספה פון 32 פּראָצענט און די מענער־מאַגאַזין פון 50 ביז 65 פּראָצענט.

די שטרייקן, אינספּירירט, אָרגאַניזירט און אין פיל פאַלן אָנגעפירט דורך די קאָמוניסטן אָדער ביי זייער מיטווירקונג, די אויסגעברייטערטע השפעה פון די קאָמוניסטן האָבן באַאומרואיקט די בונדישע פאַריינס־ביוראָקראַטיע.

די צענטראַלע קאָמיסיע פון די פּראָפ. קלאַסן־פאַריינען מיט דער פּפּסיש־בונדישער מערהייט באַשליסט נאָך אין 1921 יאָר אַרויסצושטויסן די קאָמוניסטן פון די פאַריינס־אינסטאַנצן. דער באַשלוס האָט געפאָדערט, אַז די פּראָפ. פאַריינען מוזן „איבעררייסן אַלע באַציונגען מיט דער קפּפּ". „דער באַשלוס איז אין 1925 יאָר נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן. אין דעם גייסט האָבן געהאַנדלט די בונדישע פירער אין לאַנד־ראַט, אין וואַרשעווער קולטור־אַמט און אין די אין זיי אָנגעשלאָסענע פאַריינען.

שטיצנדיק זיך אויף דעם באַשלוס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סעריע פון אויסשליסונגען פון קאָמוניסטישע טוער און לינק־געשטימטע אַרבעטער. גאַנצע פאַך־סעקציעס, באַהערשט פון קאָמוניסטן, ווערן פאַרהאָנגען אין זייער טעטיקייט, אָדער אויסגעשלאָסן פון פאַריין און אויך גאַנצע אָפּטיילונגען פון פיל שטעט ווערן אויסגעשלאָסן פון דער בונדישער צענטראַלער פאַרוואַלטונג. די לינקע מינדערהייט אין צענטראַלן יידישן קולטור־אַמט (לאַנד־ראַט) האָט אָנגעשריבן אַן אויספירלעכן בריוו צו דער צענטראַלער קאָמיסיע פון די פּראָפ. קלאַסן־פאַריינען און באַזונדערס אין שניידער־פאַריין, וו די בונדישע מערהייט אין די פאַריינס־

---

[4] ביולעטין אין דער פוילישער שפּראַך פון פּראָפ. פאַריין פון די אַרבעטער פון דער באַקלייד־אינדוסטריע, יוני 1927. (אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע).

אינסטאַנצן האָבן געטראָטן מיט די פּיס די רעזאָלוציעס וועגן דעמאָקראַטיע אין די פאַריינען, אָנגענומענע אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ און אויף די צוזאַמענפאָרן פון די פאַריינען. אָט וואָס מיר לייענען אין דעם בריוו:

„פאַרביסענע קאַמפן, רעפּרעסיעס און טעראָר, ווי אויך דאָס כּסדרדיקע אויסשליסן מיטגלידער — אָט דאָס זענען די מאָסמיטלען, וועלכע די איצטיקע פאַריינס־אינסטאַנצן ווענדן אָן לגבי די אַלע אַרבעטער, וועלכע זענען נישט זייערע אָנהענגער. דעם קולמינאַציע־פּונקט האָבן זיי דערגרייכט אין נאָדל־פאַריין, וועמענס פאַרוואַלטונג האָט דורך איגנאָרירן די באַשלוסן פון די סאַמע באַדייטנדיקסטע פאַך־קאָמיסיעס, באַוווסטזיניק געשטערט אין דורכפירן לוין־אַקציעס, לאָזט בכיוון פאַנאַנדער די צענטראַליזירטע פאַך־קאָמיסיעס און רייסט אויף זייערע פאַרזאַמלונגען. זי האָט די פאַריינס־מיטגלידער דערפירט צו אַזאַ צושטאַנד פון פאַרביטערונג, אַז די פאַרהעלטענישן אין דאָזיקן פאַריין זענען זייער נישט געזונטע און פאָדערן אַ תּיכּפדיקע פאַרבעסערונג.[5]

דער בריוו — ביי דער מיטרעדאַקציע פון משה גרינבאַום — דערציילט אויך, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די לינקע האָבן בעת די וואַלן אין דעם נאָדל־פאַריין באַקומען 32 פּראָצענט שטימען, האָט די בונדישע מערהייט באַרויבט זייער רעכט צו אַ רעפּרעזענטאַנץ אין וואַרשעווער קולטור־אַמט.

די לינקע אין דעם בריוו בעטן, אַז די צענטראַלע קאָמיסיע זאָל באַשטימען אַ קאָמיסיע, כּדי אויסצופאָרשן די נישט געזונטע באַציונגען אין די וואַרשעווער פאַריינען, באַזונדערס אין שניידער־פאַריין, פּסלען די וואַלן צום וואַרשעווער קולטור־אַמט, וועלכע זענען געוואָרן דורכגעפירט נישט אין הסכם מיטן רעגולאַמין, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער צענטראַלער קאָמיסיע. אָבער די פּפּס־בונדישע מערהייט האָט גאָרנישט געטאָן קעגנצוווירקן די רעפּרעסיעס און דער דיסקרימינאַציע לגבי דער לינקער ריכטונג אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

משה און די קאָמוניסטישע אָנפירונג פון די שניידער אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען און מיטינגען. עס ווערן געזאַמלט אונטערשריפטן קעגן די רעפּרעסיעס און אויסשליסונגען. אויף די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען

---

5 „צו דער צענטראַלער קאָמיסיע פון די פּראָפּאַריינען“ (איבערגעזעצט פון פּויליש). זע „עכאַ אי גלאָסי“ (אָפּקלאַנגען און שטימען), פעברואַר 1924 יאָר.

אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמוניסטן, זענען די אַרבעטער מאָביליזירט געוואָרן קעגן דער שפּאַלטונגס־פּאָליטיק פון די בונדיש־פּפּסישע פירער, פאַר איינהייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

די קאָמוניסטן זאַמלען די אַרבעטער אויף דער גאַס. מען טרעפט משהן אין די אָוונטן „שפּאַצירן" איבער די אומלעגאַלע בירזשעס אויף די גאַסן נאַוואָליפּיע, לעשנאָ, גראַניטשנע, רימאַרסקע, נאַלעווקעס און אַנד. מען טרעפט אים אויף די אומלעגאַלע זיצונגען פון די אויסגעשלאָסענע פאַך־קאָמיסיעס.

אין יענער צייט האָבן די קאָמוניסטן באַהערשט דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די פּוילישע שניידער־אַרבעטער. משה מיט דער אָנפירנדיקער גרופּע פון די יידישע שניידער האָט נישט ווייניק מיטגעווירקט צו דעם דערפאָלג. עס קומט פאָר א קאָאָרדינירונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט פון די יידישע און פּוילישע קאָמוניסטן. די אויסגעשלאָסענע פאַכן און אַרבעטער באַקומען געוויסע לעגאַלע מעגלעכקייטן פון טעטיקייט אין לאָקאַל אויף בראַצקע, וווּ עס האָט זיך געפונען דער פאַריין פון די פּוילישע אַרבעטער.

אין דער לעגאַלער אויסגאַבע פון דער פּאַרטיי לייענען מיר, אַז דעם 24־טן פעברואַר 1924 יאָר איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די זיך געפינענדיקע אויף דער גאַס אַרבעטער פון פאַך מענער־פּריוואַט, גערופן דורך דער אויסגעשלאָסענער פאַך־קאָמיסיע אין פאַרשטענדיקונג מיט דער פאַרוואַלטונג פון דעם פּוילישן נאָדל־פאַריין. נישט געקוקט אויפן טעראָר זענען געקומען 250 אַרבעטער. חבר משה האָט אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע אין פאַך, וועגן די רעפרעסיעס און אויסשליסונגען גראָד דעמלט, ווען די אַרבעטער שטייען אין שווערן קאַמף פאַר זייערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען. די פאַרזאַמלונג האָט איינשטימיק פּראָטעסטירט און פאַראורטיילט די צעברעכערישע אַרבעט און אויסגעדריקט צוטרוי דער פאַך־קאָמיסיע, אין איר שפּיץ זענען געשטאַנען די קאָמוניסטן משה גרינבאַום, יודל פלאַץ, געצל שוואַרצבערג און אַנד.[6]

---

[6] „דאָס לעבן" פון 1־טן מערץ 1924.

משה ווידמעט פיל צייט צו העלפן די פּוילישע שניידער אין זייער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט און אין זייער שווערן פּאָליטישן קאַמף קעגן די נאַציאָנאַליסטישע פּפּסיש-נ.פּ.ר.-ישע עלעמענטן פון דעם פאַריין.7

די רעפּרעסיעס און שפּאַלטונגס-פּאָליטיק פון דער בונדישער צענט-ראַלע האָט נישט אויפגעהערט. דער חבר משה און די פּאַרטיי-אָנפירונג פון די שניידער האָבן געשטעלט פאַרן צ. ק. די פראַגע פון אָרגאַניזירן אַ באַזונדערע צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון די אויסגעשלאָסענע אָפּטיי-לונגען און פאַך-סעקציעס. אין דער ניי-אָרגאַניזירטער צענטראַלע ווערט משה אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער. סעקרעטאַר איז געווען חבר זעליקאָ-וויטש-גוטמאַן, וועלכער איז אין דער צייט אַרויסגעטראָטן פון „בונד“.

אַלס פאָרשטייער פון דער לינקער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פלעגט משה זייער אָפט באַזוכן שטעט און שטעטלעך, וווּ עס האָבן געלעבט די יידישע פּראָלעטאַריער. ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון די לינקע פאַריינען אין ביאַליסטאָק, לאָדזש, ווילנע, טשענסטאָכאָוו, בריסק, קאַ-ליש, גראָדנע, טאָמאַשאָוו און אַנד. אַלס לעגאַלער טוער פלעגט ער אַרויס-טרעטן מיט רעפעראַטן און אַזוי אַרום פּראָפּאַגירן דעם קאָמוניסטישן געדאַנק. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער טעטיקייט ציילט די לינקע צענטראַלע גאָר אין קורצן 100 אָפּטיילונגען מיט 6.000 מיטגלידער.

נישט אויף דעם אָרט וועלן מיר באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם, צי אין די איינשטעלונג צו גרינדן זעלבשטענדיקע פאַריינען פון די שניידער אין אַ באַזונדערער צענטראַלע געווען אין יענער צייט אַ ריכטיקע. מיט דעם וועלן זיך פאַרנעמען געשיכטע-פאָרשער. אייגנס איז אָבער אָן שום ספק, אַז די לינקאָטישע טענדענצן פון די קפּפּ-טוער זענען געווען אַ רע-זולטאַט פון דער שעדלעכער שפּאַלטונגס-פּאָליטיק, אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוויעטיזם מצד דער פּפּסישער צענטראַלער קאָמיסיע פון די פּראָפ. פאַריינען, בונדישן לאַנד-ראַט און בונדישע צענטראַלע פאַרוואַלטונגען. די טענדענצן האָבן נישט ווייניק געווירקט אויף די קאָמוניסטישע טוער צווישן די שניידער און אויך אויף משהן.

---

7 נאָך אַ געוויסער צייט זיין אויף דער גאַס און אויף בראַצקע, האָבן די יידישע אַרבעטער, אויסגעשלאָסענע דורך דער בונדישער מערהייט — גע-זאַמלט געלט און געשאַפן זיך אַן אייגענעם לאָקאַל אויף לעשנאָ 1, פאַרמאַכט שפּעטער דורך דער פּאָליציי.

* * *

אין יענע יאָרן האָט זיך משה שנעל אַרויסגערוקט אין דער פּאַרטיי־אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, אויפן מוראַנאָווער ראַיאָן און אין וואַרשע בכלל. אין 1923 יאָר איז חבר מ. גרינבאום דעלעגאַט פון די שניידער — קאָמוניסטן אויף דער מוראַנאָווער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וווּ ער ווערט אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון ראַיאָן־קאָמיטעט. אין 1924 יאָר, אויף דער וואַרשעווער באַראַטונג פון די פּאַרטיי־טוער אין דער יידישער סביבה, ווערט משה אַ מיטגליד אין דעם יידישן ביוראָ ביים וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער קפּפּ.

משהס ענערגיע און ענטוזיאַזם איז געווען נישט אויסשעפּלעך. צייט און מי האָט ער פאַר דער פּאַרטיי נישט געזשאַלעוועט. נישט איינמאָל איז ער אַוועקגעריסן געוואָרן פון וואַרשטאַט, אַוועקלייגנדיק די שער און אייזן און זיך פאַרנומען האַלבע און גאַנצע טעג מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָ איז ער גערופן געוואָרן אויף אַ זיצונג, אָדער פאַרזאַמלונג פון די שטרייקנדיקע — נישט פון זיין פאַך, אָן אַנדערש מאָל האָט מען אים אַרויסגערופן פון וואַרשטאַט אויף אונטערהאַנדלונגען מיטן באַלעבאַטים־פאַריין און שטרייק־קאָמיטעט פון מענער־מאַגאַזין און אַנדערע פאַכן. אפילו די שבתים זענען נישט געווען פאַר זיין פּערזענלעכן לעבן. זיצונגען פון פּאַרטיי־עקזעקוטיוון, פון פּאַרטיי־קרייזן, רויטע פּראַקציעס זענען געווען אין די שבתדיקע טעג. משה, ווי אַנדערע חברים פון ראַיאָן־קאָמיטעט, פון דעם יידישן ביוראָ און פון פּראָפּ. אַפּטיילן — האָבן זיי באַדינט. פאַר רעפעראַטן אויף דער פּראָווינץ אָדער פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים האָט דער חבר משה אויך אויסגענוצט די שבתדיקע טעג.

אַזוי איז געווען טעטיק דער חבר משה, דער אָנגעזעענסטער און באַליבטסטער ביי די שניידער־אַרבעטער און ביי די יידישע פּראָלעטאַריער בכלל.

די שניידער־קאָמוניסטן, אָרגאַניזירנדיק די אַרויסגעוואָרפענע אויף דער גאַס אין אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע, האָבן נישט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר צוריק פאַראייניקן די געשפּאַלטענע שניידער־אַרבעטער.

אין די יאָרן 1925—1926, צוזאַמען מיט די חברים: יואל לאַזעבניק, יודל פּלאַץ, יאַנקעלע ביבליוזער, קאַראָל בזשעזשינסקי, מאַקס ביטעל, געצל שוואַרצבערג און אַנדערע, פירט משה אָן מיט דער

אַקציע פאַר פאַראייניקן די רעוו. פראָפ. פאַריינען פון די שניידער מיט די פראָפ. פאַריינען, וועלכע זענען געווען אונטער דער ווירקונג פון „בונד“.

אין 1926, נאָך פיל ענערגיע מצד אים און אַנדערע חברים, אַנטשטייט אַ פאַראייניקטע פראָפ. אָרגאַניזאַציע פון די שניידער.

בעת דער דורכגעפירטער פאַראייניקונג פון די עקזיסטירנדיקע שניידער־פאַריינען האָט חבר משה גרינבאום איבערגעלייענט אין נאָמען פון די אָרגאַניזירטע שניידער, קירזשנער און מאָדע־אַרבעטער פון פאַריין פון אָגראָדאָווע 16 — אַ דעקלאַראַציע. געווען איז דאָס תיכף נאָך דער פאַשיסטישער איבערקערעניש אין פוילן.

„דער פאַשיזם הוליעט — זאָגט זיך אין דער דעקלאַראַציע — און ווערט דער אָנזאָגער פון אַ מוראדיקער צייט, וועלכע דערנעענטערט זיך“. די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון די פראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, דער איינהייטלעכער פראָנט פון גאַנצן פראָלעטאַריאַט — „דאָס איז דער געבאָט פון דער שעה און כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן מוז איצט ווערן קאָנצענטרירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון אַרבעטער־קלאַס“.

חבר משה האָט אין דער דעקלאַראַציע אויסגעדריקט די צופרידנקייט מיטן פאַקט, וואָס עס איז סוף כל סוף געלונגען „צו באַזייטיקן אַלע שטערונגען און דערפירן די פאַראייניקונג פון די שניידער־אַרבעטער צו אַן ענדגילטיקן רעזולטאַט“. משה האָט געוואָרנט, עס זאָל זיך שוין נישט איבערחזרן די לאַגע, ווען דורך אויסשליסונגען, טעראָר און דיסקרימינאַציע לגבי נישט־בונדיש דענקענדיקע אַרבעטער איז דורכגעפירט געוואָרן די שפּאַלטונג אין דער פראָפעסיאָנעלער שניידער־באַוועגונג. „מיר האָפן — האָט ער געלייענט אין דער דעקלאַראַציע — אַז די פאַראייניקונג, וואָס קומט איצט פאָר, וועט זיין אַ דויערהאַפטיקע“. די בעסטע גאַראַנטיע דערפאַר קאָן נאָר זיין די אידעישע גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע שניידער־אַרבעטער אין דעם פאַראייניקטן פאַריין. „מיר, קאָמוניסטן, שטעלן זיך צו אַקטיווער אַרבעט אין אַלע פאַריינס־אינסטאַנצן, כדי מיטצוהעלפן זיי אין אומפשרותדיקן פאַרטיידיקן די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון די שניידער־אַרבעטער“.[8]

דאָס איז געווען דער אויפריכטיקער ווילן פון ח׳ משה און פון די שניידער־קאָמוניסטן.

---

[8] „וואָכנבלאַט“ פון 16 יולי 1926 („דעקלאַראַציע פון שניידער־פאַריין אויף אָגראָדאָווע). אַרכ. אינסט. פאַר פּאַרטיי־געשיכטע.

משה ווערט דער פירער פון דער קאָם. פראקציע אין דער פאראייניקטער צענטראלע, ווו דער „בונד“ האָט געהאַט א מערהייט.

אין 1925 יאָר ארבעט משה ווידער אין ווארשטאט, איז טעטיק אין פאריין, אָרגאניזירט אַקציעס און שטרייקן און גלייכצייטיק איז ער טעטיק אין מוראנאָווער ראיאָן-קאָמיטעט פון דער פארטיי.

אין די יאָרן 1925—1926 זענען ביי די שניידער געווען 205 אינטערווענץ-אַקציעס, וואָס האָבן ארומגענומען 39.795 פערזאָן. פון זיי: 116 שטרייק-אַקציעס מיט 19.965 באטייליקטע. די שטרייקן האָבן געדויערט פון דריי טעג ביז 8 וואָכן. בלויז 23 אַקציעס זענען געווען פארשפילטע. אין דעם 21 לאָקאַוטן מצד די באַלעבאטים [9].

היפשע ענערגיע און מי האָבן געווידמעט די קאָמוניסטן אין דער אָרגאניזאציע און אָנפירונג פון די אקציעס און שטרייקן. זיי זענען געווען אומדערמידלעך. 8 שעה אין ווארשטאט און 10 שעה אין דער פראַפאריינישער און אין דער פארטיי-אַרבעט. צווישן זיי משה גרינבאום.

משה האָט געהערט צו די אזוי גערופענע לעגאלע קאָמוניסטן. די פּאָליציי האָט אים גוט געקענט. בעת די וואלן צו דער קראנקען-קאַסע, אָדער שטאָט-ראט פלעגט משה קאַנדידירן אויף די קאָמוניסטישע וואַלליסטעס („ארבעטער-איינהייט“, „ארבעטער- און פויערים-איינהייט“, „לעוויצאַ ראָבאָטניטשאַ“ א. אנד.). משה פלעגט פיגורירן אויף די אזוי גערופענע רעזערוו-ליסטעס אויפן פאַל פון פסלן די קאָמוניסטישע. אויף די וואל-מיטינגען און מאסן-פארזאמלונגען פלעגט משה ארויסטרעטן אלס אגיטאַטאָר אין נאָמען פון וואַל-קאָמיטעט.

פּאָרמעל איז די וואַל-ארבעט געווען לעגאל, פאקטיש אָבער האָבן די קאָמוניסטן געפירט די וואל-אגיטאציע אויף דער גאס, אין די קעלערן אויף בוידעם-שטיבלעך. משהן פלעגט מען טרעפן אין די וואל-טעג אויפן קראָכמאַלנע פּלעצל, אויף אָסטראָווסקע, סטאַווקע און אנדערע גאַסן. פון די זאַמלען-פונקטן פלעגט ער פאַנאַנדערשיקן אַגיטאטאָרן אין די שטובן אויף הויז-אַגיטאציע, כדי צו פארשפרייטן די וואל-ליטעראטור.

פאר דעם וואל-טאָג, פארן 1-טן מאי און 7-טן נאָוועמבער פלעגט משה נישט שלאָפן אין דער היים, כדי נישט צו ווערן ארעסטירט. בייטאָג פלעגט ער זיין אויף דער גאס ביי דער אָנפירנדיקער ארבעט, אָדער אַלס

9 בולעטין פון פראָפעסיאָנעלן פאריין פון די ארבעטער אין דער באקליידאינדוסטריע — יוני 1927 יאָר. ארכ. אינסט. פארטיי-געשיכטע.

קאָמענדאַנט פון פּאַרטיי־קאָמיטעט — אָנפירן מיט די גאַס־דעמאָנסטראַ־ציעס.

נישט אַלעמאָל איז אים געלונגען אויסצומיידן אַרעסט. פיל מאָל פלעגט ער די מאַי־ און נאָוועמבער־טעג פאַרברענגען אין דער „דעפע“. 25 מאָל איז משה ארעסטירט געוואָרן — אין דער היים, אויף דער גאַס, אָדער אין פאַריינס־לאָקאַל.

* * *

משה דער אָרגאַניזאַטאָר, דער רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיקער, האָט אויך אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס אין דער פּאַרטיי אין די יאָרן 1923—1925 און אין די יאָרן 1926—1929. קעמפנדיק קעגן די רעכטע אָפּנויגן „בין איך — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע פון 1941 יאָר — פון ערשטן מאָמענט אָן נישט איינשטימיק געווען מיט דער דאָמסקי־גרופּע (אולטראַ־לינקע — ש. ז.), וועלכע האָט דערפירט צו סעקטאַנטישקייט און צום אָפּרייסן זיך פון די מאַסן“.

אין 1926 יאָר ארבעט משה א געוויסע צייט אין פּאַרטיי־קאָמיטעט אין וואַרשע־הינטערשטאָט, וווּ ער פאַרנעמט זיך דער עיקר מיט דער פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סביבה. ח' משה איז מצד דעם וואַרשעווער ייד. ביוראָ דעלעגירט געוואָרן אויף א ריי לאַנד־באַראַטונגען פון די פּאַרטיי־טוער אין דער יידישער סביבה. דעם 5־טן אַפּריל 1925 יאָר נעמט ער אָנטייל אין דער לאַנד־באַראַטונג, וווּ ס'זענען באַהאַנדלט געוואָרן די אויסגעאַרבעטע פון צ.ב. טעזן. אין דער דיסקוסיע אַרום דער פראַגע: געוויילטע אָדער באַשטימטע דורך די פּאַרטיי־אינסטאַנצן ייד. ביוראָען האָט משה פאַרנומען א שטעלונג קעגן וואַלן, צוגלייך מיט אנדערע אָפּטיילונגען ביי די פּאַרטיי־אינסטאַנצן וואָס ווערן דורך זיי באַשטימט[10].

אין ליכט פון די באַשלוסן פון 3־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין דער פראַגע פון פּאַרטיי־סטרוקטור האָט משה פאַרנומען א ריכטיקן שטאַנדפּונקט, אַז דער געבוי פון די פּאַרטיי־קרייזן אין דער קליין־אינדוסטריע דאַרף דערנענטערט ווערן צום פּרינציפּ פון פאַבריקס־קרייזן. אין די וואַרשטאַטן—בויען וואַרשטאַטן־קרייזן לויט די פאַכן, אָדער טעלעבע שכנהשע פאַכן נאָר פון איין פּאַרטיי־ראַיאָן. אין פאַראיין עקזיסטירן נאָר קאָמוניסטישע פראַקציעס, אָדער רויטע פראַקציעס, לינקע אָפּאָזיציעס. אין מערץ

[10] א.ה.פּ. באַריכט פון די ייד. ב. 4, 1925, מאַט. נישט באַאַרבעטע.

1926 איז חבר משה אָנוועזנד געווען אויף דער דריטער לאַנד=באראטונג אין דאַנציק[11]. ער איז מיטגליד אין פּרעזידיום. אין דער דיסקוסיע פּאָלעמיזירט ער מיט די חברים, וועלכע האַלטן, אַז דער „בונד“ האָט זיך פאַרשטאַרקט און אַז מיר זענען געוואָרן אָפּגעשוואַכט צווישן די יידישע אַרבעטער. אין דער פּראַגע צענטראַלע יידישע שול=אָרגאַניזאַציע איז משה מיט דער מערהייט קעגן דער אַמאָליקער שטעלונג אָנטיילצונעמען אין דער ש. אָרג. די אָרגאַניזאַציע דאַרף דורך אונדז — האָט משה דערקלערט — באַיקאָטירט און באַקעמפט ווערן[12]. אין סעפּטעמבער 1926 זענען מיר משהן אויף דער לאַנד=באַראַטונג פון דער פּאַרטיי אין דער יידישער סביבה, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דאַנציק. דאָס איז געווען נאָך דער מאַי=איבערקערעניש און דעם מאַי=פעלער פון דער פּאַרטיי. משה האָט זיך אויף דער באַראַטונג דערקלערט אַלס אָנהענגער פון די טעזן פון דער מינדערהייט פון צ.ק.

בעת דעם אידעאָלאָגישן קריזיס אין די יאָרן 1926—1929 איז משה געווען אַקטיוו אין דער מינדערהייט=פראַקציע אָנגעפירט פון די ח״ח: לענסקי, פּאַשין, רינג, פידלער, העגריקאָווסקי, לאַמפּע, קאָרטשיק.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע לייענען מיר: געהערנדיק צו דער פראַקציע, האָב איך געקעמפט פאַר דער איינהייט פון דער פּאַרטיי אונטער דער אָנפירונג פון קאָמינטערן“.

פאַר דעם חבר משה איז דאָס פּראָבלעם איינהייט פון דער פּאַרטיי געווען א הייליקע זאַך. ער האָט שטענדיק די איינהייט געהיט, ווי דאָס שוואַרץ=אַפּל פון אויג.

עס דערמאָנט זיך משהס אַרויסטרעטונג אויף דער באַראַטונג אין דאַנציק, וו ער האָט צוזאַמען מיטן שרייבער פון די שורות געוואָרנט קעגן דער געפאַר פון אריינפאַלן אין לינקאַטשישקייט אינעם קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּאָרטוניזם.

אַרבעטנדיק אין באַדינגונגען פון רעפּרעסיעס מצד די בונדישע פּאַריינס=טוער, פלעגט משה נישט איינמאָל, שפּאַצירנדיק מיט מיר איבער

---

[11] פּראָטאָקאָל פון דער 3=טער ייד. באַראַטונג. דאָרט געפינט זיך דער אַנקעטע=בויגן פון חבר משה אויף יידיש. אַרכ. אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי=געשיכטע.

[12] דאָרט, זייט 69—70. די פאַלשע שטעלונג פון חבר משה איז געווען צו יענער צייט די שטעלונג פון צ.ק. און צ.ב. אין די דרייסיקער יאָרן איז די שטעלונג רעוויזירט געוואָרן און אויך משה האָט די מיינונג געענדערט.

די אמאָליקע פינצטערע וואַרשעווער געסלעך אין די שפּעטע אָוונטשעהן, מיט זאָרג אוועקשטעלן די פראַגע:

„צי וועלן מיר זיין אויף אזויפיל רייף און נישט לאָזן זיך ווידער אויף סעקטאַנטישע וועגן?“

משה, ווי די גאַנצע פּאַרטיי, האָט אָבער נישט אויסגעמיטן פעלערן פון דעם כאַראַקטער אין זיין פּאָליטיש־פּראָפּאַרייגישער טעטיקייט. דאָך האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק פון דער געפאַר פון א נייער שפּאַלטונג אין שניידער־פאַריין. ער פלעגט זאָגן:

„ווי גוט וואָלט געווען אויסצומיידן דאָס גריגדן נאָכאַמאָל א זעלבסטשטענדיקן פאַריין פון די אויסגעשלאָסענע און ארויסגעוואָרפענע“.

סך הכל 10 מאָנאַטן נאָך דער פאַראייניקונג פון דער פראָפ. שניידער־באַוועגונג, האָט דער „בונד“ דעם געשלאָסענעם אָפּמאַך מיטן לינקן שניידער־פאַריין געבראָכן.

עס גרייט זיך דער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די באַקלייד־פאַריינען[13]. משה איז אין די צוגרייטונגס־ארבעטן צום לאַנד־צוזאַמענפאָר געווען אַקטיוו אויף זיצונגען פון די קאָם. פראַקציעס, אויף פאַרזאַמלונגען פון לינקן אקטיוו פון די שניידער־אָפּטיילונגען.

דער „בונד“ האָט אָבער געטאָן זיינס, אז די רעוו. אָפּטיילונגען און לינקע אָפּאָזיציע זאָלן עלימינירט ווערן. אויף דער צאָל פון 160 אָפּטיילונגען מיט 15.000 מיטגלידער, זענען צוגעלאָזט געוואָרן נאָר 111 אָפּטיילונגען מיט 9.000 מיטגלידער. אזוי ארום זענען באַרויבט געוואָרן 6.000 מיטגלידער אין זייער וואַל־רעכט צום צוזאַמענפאָר. אין רעזולטאַט דערפון זענען דעלעגאַטן־קאָמוניסטן געווען 9 אויף דער צאָל פון 58.

אין דער צייטונגס־אויסגאַבע פון דער לינקער ריכטונג אין דער פראָפ. באַוועגונג[14], ביי דער מיטאַרבעט פון חבר משה, געפינען מיר פיל פראָטעסטן פון ארבעטער אין גאַנצן לאַנד קעגן דער שפּאַלטונגס־פּאָליטיק פון דער בונדישער מערהייט אין דער באַקלייד־צענטראַלע.

---

13 דער לאַנד־צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 22—24 אַפּריל 1927 יאָר.

14 „פראָפעסיאָנעלע לעבן“ לעגאַלע אויסגאַבע פון 21־טן אַפּריל 1927 אָרב. אינסט. פאַר פּאַרטיי־געשיכטע.

די פּראָטעסטן, וועלכע דער חבר משה האָט איבערגעטראָגן אויף די זיצונגען פון דער צענטראַלע זענען געווען פון וואַרשע, סטאַניסלאַוואָוו, טשענסטאָכאָוו, ביאַליסטאָק, טאַרנאָפּאָל, פּלאָצק, שעדלעץ, קאַליש, טאַרנאָוו, קאָזשעניץ, לעמבערג, בריסק, לובלין, זשעלעכאָוו, טאָמאַשאָוו מאַזאָוויעצק, מעזריטש, ביאַלע-פּאָדלאַסקע, מינסק מאַזאָוויעצק, קאַלושין, סלאָנים, קאָלאָמיי און אנד.

דער חבר משה און די אנדערע דעלעגאַטן האָבן אריינגעטראָגן צו יעדן פּונקט אויסגעאַרבעטע דורך דער פּראַקציע רעזאָלוציעס. ער האָט געהאַט אַן אַנאַליטישע אַרויסטרעטונג וועגן דער עקאָנאָמיש-פּאָליטישער סיטואַציע אין לאַנד, וועגן דער סיטואַציע פון די שניידער און זייערע אויפגאַבן.

חבר משה האָט אויך אריינגעטראָגן אין נאָמען פון דער קאָמ פראַקציע 21 אויסבעסערונגען צום פאַריינס-סטאַטוט און אַ פּראָיעקט פון אַ נייעם פאַריינס-רעגולאַמין. די אַלע אויסבעסערונגען — האָט ער דערקלערט — האַרפן דינען דער דעמאָקראַטיזירונג פונעם פאַריין און אַזוי אַרום דינען די אינטערעסן פון דער קלאַסן-איינהייט פון די אַרבעטער.

אַ גרויסע פּאָליטישע באַטייטע האָט משה געפירט אויף דריי זיצונגען פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג אַרום דער פראַגע ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט אריינגעטראָגן אַ מאָטיווירטן פאָרשלאַג איינצולאַדן דעם סאָוויעטישן שניידער-פאַריין אויפן צוזאַמענפאָר פון די שניידער-פאַריינען אין פוילן.

„דאָ האַנדלט זיך ניט אין אַ פאָרמעלן העפלעכקייטס-אַקט — האָט דערקלערט דער חבר משה — ווי דאָס איז דער פאַל מיט די איבעריקע פאַריינען, וועלכע מען לאַדט איין נאָר אין אַ נויטווענדיקייט. די אויפגאַבע פון אַ פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע איז אַ סוף צו מאַכן צו דער געצוווּנגענער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּגעזונדערטקייט מיטן פּראָלעטאַריאַט פון אַ לאַנד, וווּ די אַרבעטער שטייען ביי דער מאַכט“.

אין זיין מאָטיווירטן פאָרשלאַג זאָגט זיך אַז „אין די אינטערעסן פון קאַמף פאַר פאַראייניקן די אַלוועלטלעכע פּראָפ. באַוועגונג, וועלכע ווערט געפירט דורך דעם ענגליש-רוסישן איינהייטס-קאָמיטעט... וואָלט דאָס איינלאַדן דעם רוסישן פאַריין געווען אַ שריט פאָרויס אין דער ריכטונג“.

די בונדישע מערהייט האָט באַשלאָסן אײַנצולאַדן... די רעפאָרמי־סטישע צענטראַלעס, אָבער נישט די סאָוויעטישע. משה האָט נישט רעזיגנירט. נאָכן אָפּוואַרפן מצד דעם „בונד" דעם אויבנדערמאָנטן פאָר־שלאָג, האָט ער פאָרגעלייגט, אַז די עקזעקוטיוו פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג זאָל געבן אַ מעלדונג אין אַ צייטונג וועגן פאַרשטייענדיקן שניידער־צוזאַמענפאָר אין פוילן און דערביי צווויסן געבן אין דער מעל־דונג, „אַז אויסלענדישע קרובהשע פאַריינען, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט אונדזער אַרבעט און ווילן בייוווינען דעם צוזאַמענפאָר, וועלן גערן געזען ווערן אַלס געסט אויפן צוזאַמענפאָר אַפילו אויב זיי האָבן קיין ספּעציעלע אײַנלאַדונג נישט באַקומען15.

אויך דער פאָרשלאָג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען האָט משה אינפאָרמירט וועגן די פאָרשלאַגן און וועגן דער אַרבעט פון דער לינקער דעלעגאַציע אויפן צוזאַמענפאָר. אומעטום זענען אָנגענומען געוואָרן פּראָטעסט־רעזאָלו־ציעס קעגן דער אָפּאָרטוניסטישער האַנדלונג פון דער בונדישער מער־הייט.

אונדזערע חברים פאַרשטאַרקן די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. באַ־זונדערס בעת דער נייער כוואַליע פון שטרייקן פון די שניידער. אין 1928 יאָר זענען אין 59 אָפּטיילונגען פאָרגעקומען 112 שטרייק־אַקציעס מיט דער באַטייליקונג פון 240. 14 אַרבעטער. די שטרייקן זענען געווען לאַנג־דויערנדיקע — 92,519 שטרייק־טעג16. אין דער שטרייק־באַוועגונג בריי־טערט זיך אויס און פאַרטיפט זיך די קאָמוניסטישע ווירקונג.

די בונדישע מערהייט אין דער פאַרוואַלטונג האָט געטאָן אַליץ קעגנצווווירקן דער טעטיקייט פון די קאָמוניסטן און זייערע אויסגעברייטערטע ווירקונגען. עס הייבט זיך אָן אַ גייע סעריע פון אויסשליסונגען פון גאַנצע אָפּאָזיציאָנעלע אָפּטיילונגען דורך דער בונדישער צענטראַלע און באַזונדערע פאַר־קאָמיסיעס דורך דער בונדישער פאַרוואַלטונג פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג. לינקע טוער פּאָפּולערע און באַליבטע ביי די אַרבעטער, ווערן אויסגעשלאָסן פון פאַריין. אָט וואָס מיר לייע־נען אין צענטראַלן אָרגאַן פון דער קפּפּ אין דער יידישער שפּראַך:

15 „פּראָפעסיאָנעלע לעבן" פון 21־טן אַפּריל 1927 יאָר. אוזהפ.

16 „אַרבעטער־פּראַגן" — נאָוועמבער 1928 יאָר. אינסט. פאַר פּאַרטיי געשיכטע.

„לעצטנס זענען מיר עדות פון א ווילדער שפּאַלטונגס־אַרגיע, וועל־כע זיי (בונדישע פירער — ש.ז.) פירן איצט אין די פאַרייגען. זיי האָבן געשפּאָלטן דעם באַקלייד־פאַריין און צוזאַמען מיט דער פּ.צ. — דעם האָלץ־פאַריין. זיי האָבן אויסגעשלאָסן פון די פאַרייגען אַלע אָפּאָזיציאָ־נעלע פאַריינס טוער... גאַנצע פאַכן געפינען זיך אויסערן פאַריין... דער הויפּט־לאָזונג (פון „בונד" — ש.ז.) אין דער קאַמפּאַניע איז: אַרויס מיט די קאָמוניסטן פון די פאַרייגען! [17]

צווישן די אויסגעשלאָסענע געפינען זיך אין דער ערשטער ריי דער חבר משה גרינבאום, פלאַטקעוויטש, יואל לאַזעבניק, (צעלניקער), מאַקס ביטעל (מאַגעק), בזשעזשינסקי (קאַראָל), שמואל ראָטשילד, ג. ראָזענבלום. אויך פון דאַמען־מאַגאַזין און דאַמען פריוואַט און אַנדערע פאַכן ווערן אויסגעשלאָסן קאָמוניסטן און לינקע אַרבעטער און פאַריין־טוער. די שפּאַלטונג ווערט ווידער א געשעענער פאַקט.

און ווידער אַמאָל ווערן געצוווּנגען גאַנצע סעקציעס צו פירן זייער אַרבעט אויף דער גאַס. און ווידער טרעפט מען משהן און אַנדערע חברים אין די אָווענטן אויף די גאַסן־בירזשעס. אין די באַדינגונגען שטאַרקן זיך די טענדענצן צו אָרגאַניזירן די אויסגעשלאָסענע אין לע־גאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען.

משה איז ווידער אין דער אָנפירונג פון ניי אָרגאַניזירטן לינקן פראָפ. פאַריין.

ס'הייבן זיך אָן רעוויזיעס און רעפּרעסיעס מצד דער פּאָליציי אין דעם אויפגעבויטן דורך געזאַמלטע גראָשנס לאָקאַל פון די אַרבעטער, ביז דער לאָקאַל ווערט פאַרמאַכט.

אָבער באַלד יעדן פאַרמאַכן דורך דער פּאָליציי דעם פאַריינס־לאָקאַל ווערט ווייטער געזאַמלט געלט, כדי צו שאַפן א נייעם לאָקאַל.

חבר משה האָט נישט בלויז אָרגאַניזירט די מאַסן־אַקציעס פאַר געלט־זאַמלונגען, נאָר אַליין געגאַנגען איבער די וואַרשעווער, געשמועסט מיט די אַרבעטער, געמוטיקט און געוועקט פאַר דער זאַך פון בויען די לעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון די שניידער־אַרבעטער אין פּוילן. אַזוי אַרום איז דעם פאַשיזם, דעם סאָציאַל־רעפאָרמיזם נישט געלונגען צו איזאָ־לירן די קאָמוניסטן פון דער שניידער־מאַסע. אין דעם איז א גרויסער פאַרדינסט פון געטרייען און באַליבטן ביי אַלע — חבר משה גרינבאום.

---

[17] „צום קאַמף" אָקטאָבער 1928.

אין יענער צייט איז משה אויך טעטיק אין דעם צענטראַלן יידישן ביוראָ — באַשטימט דורכן צ. ק. אויפן פאָרשלאַג פון דער לאַנדבאַראַטונג אין סעפטעמבער 1926 אין דאַנציק. ער איז אויך טעטיק אין מוראַנאָווער ראַיאָן-קאָמיטעט און אין דער פראָפ. אָפּטיילונג ביים וואַרש. קאָם. אָבער דעם ארבעטס-וואַרשטאַט פאַרלאָזט נישט משה. האָט איז אַגב שייך אלע אָן אויסנאַם שניידער, אקטיוויסטן פון דער פאַרטייאישער און פראָפאַריינישער ארבעט. אָרגאַניזירנדיק און אָנפירנדיק מיט די שטרייק-קאַמפן, האָבן זיי געשעפּט זייער חיונה פון זייער ארבעט אין וואַרשטאַט און אין דער פאַבריק.

* * *

אין מאַי 1929 קומט פאָר אן אלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון שניידער-ארבעטער אין מאָסקווע און אן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון שניידער-אָרגאַניזאַציעס פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — אָנגעשלאָסענע אין רויטן פראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל „פראָפינטערן“. משה און וולאַדיסלאַוו קאָוואַלסקי, פאָרזיצער פון די פוילישע שניידער, ווערן דעלעגירט מצד די לינקע שניידער-אָרגאַניזאַציעס אין פוילן אויף די צוזאַמענפאָרן אין מאָסקווע. משה רעפערירט דאָרט וועגן לעבן און קאַמף פון די יידיש-פוילישע שניידער אין פוילן. ער הערט זיך צו צו די באַריכטן פון די חברים פון אנדערע לענדער. אייגנט זיך צו נייע דערפאַרונגען פון אינטערנאַציאָנאַלן שניידער-פּראָלעטאַריאַט און לערנט פון זיינע מפּלות און זיגן. וולאַדיסלאַוו קאָוואַלסקי און משה ווערן אויסגעוויילט אלס מיטגלידער אין אינטערנאַציאָנאַלן אקציע-קאָמיטעט פון שניידער-פּראָלעטאַריאַט ביים פראָפינטערן. זיין פסעוודאָנים איז געווען אין מאָסקווע — קראַוטשינסקי.

נישט איינמאָל האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פאַרטיי פאָרגעלייגט דעם חבר משה גרינבאַום, אז ער זאָל איבערגיין אויף קאָנספּיראַטיווער פּראָפעסיאָנעלער פאַרטיי-טעטיקייט. משהן אָבער איז געווען שווער אוועקצוגיין פון וואַרשטאַט און פון דער לעגאַלער רעוו. מאַסן-אַרבעט, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן פון זיין 16-טן לעבנס-יאָר.

אין 1930 קומען פאָר אַ ריי לאַנגדויערנדיקע שטרייקן ביי די שניידער-ארבעטער אין וואַרשע. ס׳שטרייקן די יידיש-פוילישע מענער פּריוואַט-שניידער. משה איז דער אָנפירער פון אינטערנאַציאָנאַלן שטרייק-קאָמיטעט. אַקטיוו האָט משה אין נאָמען פון דער קאָמפּראַקציע אָנגעפירט מיט

דעם דרייוואָכנדיקן שטרייק פון 400 מענער־מאַגאַזין־אַרבעטער, קירזשנער, 200 היטלאַרבעטער, 400 דאַמען־שניידער און אנד. פאכן [18].

נאָך די שטרייקן — טיילווייז געווונענע — ווערט משה לויט א באַשלוס פון צ.ק. באַשטימט אַלס אינסטרוקטאָר פון צ.ק. פאַר פאַרטיי טעטיקייט אין דער יידישער סביבה. משה ווערט א פראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. ער באַדינט פאַרטייאיש די געגנטן לאָדזש, זאַגלעמביע, קראָקע און טשענסטאָכאָוו.

חבר משה האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן בעת די וואַלן צום סיים אין די לעצטע מאָנאַטן פון 1930 יאָר. אָנגעפירט האָט ער דער עיקר מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע צווישן די יידישע ארבעטנדיקע מאַסן אין לאָדזש און אומגעגנט. מיט זיין הילף איז אין לאָדזש אָרגאַניזירט געוואָרן 27 מיטינגען מיט 5000 באַטייליקטע, 130 הויף־פאַרזאמלונגען מיט 10.000 אָנוועזנדיקע און 45 לאָקאַטאָרן־באַראַטונגען מיט 14.000 באַטייליקטע. דער אויסגאַנג פון די וואַלן אין לאָדזש האָט געבראַכט א שטאַרקע מפּלה דעם יידישן סאָציאַל־רעפאָרמיזם און ציוניזם. „בונד", פּ.צ. רעכטע און פּ.צ. לינקע האָבן צוזאַמען באַקומען 9.400 שטימען אנשטאָט 14.000 שטימען בלויז פאַרן „בונד" אין יאָר 1928 [19].

צוזאַמען מיטן חבר משה האָבן דעמלט געאַרבעט די חברים לעסקי, זיגמונט גראַדאָם, ס'קליינע פּסחל, העניעק גלייט, ראָזען (דער האַלצענער), רבקה וואָיסקאָווסקאַ, חיים מאַלעץ, מיכאל טעפּער און אנד. דער לעצטער דערציילט וועגן משהס קאַלטבלוטיקייט אין שווערע מאָמענטן אין די לאָדזשער פּאָליציייאישע באַדינגונגען. משה האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרלוירן. אַדאַנק זיין איינפאַלערישקייט האָט מען זיך נישט איינמאָל ארויסגעדרייט פון די פּאָליציייאישע לאַפּעס.

אָט אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך. דער אָנגעשריבענער דורך משהן וואַל־אויפרוף האָט זיך געדרוקט ביים דרוקער־אייגנטימער דיאַמענט אויף קילינסקעגאָ 50. קומענדיק אָפּנעמען דעם אויפרוף — שרייבט טעפּער — האָבן מיר באַמערקט צוויי פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. „חבר משה האָט זיך נישט פאַרלוירן אויף קיין איין מינוט. ער האָט זיך גיצז'אָנדן מיט א גרויס געבייזער צום אייגנטימער הלמאי ער גיט נישט אָפּ

---

[18] א. שומאַנאָוויטש. „פון די קאַמפן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט" „נאָווי פּזשעגלאָנד" יאַנואַר 1931. זייט 56—63.

[19] דאָרט. די ציוניסטן אין גאַנצן לאַנד האָבן פאַרלוירן 10 דעפּוטאַטן

דאָס געלט פאַרן וועקסל, וואָס ער איז אים שולדיק. דערביי איז אנשטאָ־נען א שטאַרקע אמפּעריי צווישן אים און אייגנטימער. דער לעצטער האָט זיך גלייך אָריענטירט און האָט גוט אָפּגעשפּילט די ראָל". די געהיים־אגענטן האָבן זיך נישט געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פאָר און ווער משה און די איבעריקע חברים (מאַלעץ און טעפּער) זענען. דער אייגנטימער האָט אויפן קול צוגעזאָגט, אז אין די נאָענטסטע טעג וועט ער צאָלן דאָס וועקסל, איבערבעטנדיק זייער שטאַרק משהן פאַר נישט האַלטן וואָרט. „אָט אזוי — שרייבט ווייטער טעפּער — האָבן מיר זיך ארויסגעדרייט פון אַ זיכערן אַרעסט, אדאַנק משהס קאַלטבלוטיקייט" [20].

חבר טעפּער דערציילט אויך וועגן משהס וואַכזאַמקייט ביים לייענען און רעדאַגירן דעם מאַטעריאַל צו דער אייגנמאַליקער וואַל־צייטונג. הערט, חברים — פלעגט משה זאָגן — קיין גרויסער שרייבער בין איך טאַקע נישט, אָבער לייענען קען איך זייער גוט. איר וועט מיר נישט איינרעדן זאַכן, וואָס זענען נישט אין הסכם מיט דער פּאַרטיי־שטע־לונג [21].

אין דעצעמבער 1930 קומט פאָר א פּאָליציי־דורכפאַל. ס'ווערן אַרע־סטירט א ריי צענטראַלע טוער. צווישן זיי דער חבר יוליאַן מייסקי — סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער יידישער פּאַרטיי־רעדאַקציע, דער חבר ישראל גייסט (מאַרילסקי, מאַריוש, סאַגין) — מיטגליד פון סעקרעטאַ־ריאַט, וועלכער האָט באַדינט דאָס צענטראַלע יידישע ביוראָ און דער שרייבער פון די שורות — סעקרעטאַר פון צ. ייד. ב.

ווען פאַרן צ.ק. אנטשטייט די פראַגע וועמען צו באַשטימען אלס סעקרעטאַר פון צ.ייד.ב. ווערט ארויסגערוקט אלס דער אנטשפּרעכנדי־קער קאַנדידאַט — דער חבר משה.

לכתחילה זשעניערט ער זיך אָנצונעמען די פאַראַנטוואָרטלעכע אַר־בעט. ער רוקט ארויס באַוואָרעניש, צי וועט ער אימשטאַנד זיין ארומ־צונעמען די אַרבעט פון אזא פאַרנעם... משה האָט, לויט זיין געוווינהייט, דעם באַשלוס אָנגענומען און זיך גענומען צו דער ארבעט.

אין אַ בריוו פון לאַנד־סעקרעט. צום פּאָליט־ביוראָ אין סוף 1931, לייענען מיר וועגן דער טעטיקייט פון צ. ייד. ב. וו סעקרעטאַר איז געווען חבר משה. פון דעם בריוו דערוויסן מיר זיך, אז נישט בלויז אונדזער

20 בריוו פון חבר טעפּער צו מיר, געשריבן דעם 24 אַפּריל 1961.
21 דאָרט.

ארבעט איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, זי האָט זיך אויסגעברייטערט. דער בריוו דערציילט וועגן עקשנותדיקע שטרייקן און פּאָליטישע אַקציעס פון די יידישע ארבעטער אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. די לאַנד=אָנפירונג שטרייכט אונטער אין דעם בריוו דעם הויכן באַוווסטזיין פון די יידישע ארבעטער, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם אָנטייל פון עטלעכע טויזנט יידישע ארבעטער אין זייער סאָלידאַריטעט=ארויסטריט מיט די שטרייקנדיקע וואַרשעווער טראַמוויי=ארבעטער. פון דעם בריוו דערוויסן מיר זיך וועגן בונדישע און פּ. צ.=גרופּן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון זייערע פּאַרטייען, וועגן אויסגעברייטערטע איינפלוסן פון די קאָמוניסטן אין דער פּראָפ. באַוועגונג.

דער בריוו ענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„די דערגרייכונגען זאָגן עדות וועגן דער ריכטיקער ליניע פון דער פּאַרטיי אין דער יידישער סביבה, זענען באַווייזן פון אַ ברייטער ארבעט פון צ. ייד. ב. זענען אַ רעזולטאַט פון אַ ברייטער פּאַרלעגערישער טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך. די עקשנות פון די יידישע חברים, קעמפנדיק פאַר אַ לעגאַלער ארבעטער=פּרעסע, האָרף דינען פאַר אַ ביישפּיל".

אויך דער בריוו פון אַפּריל 1932 יאָר פון צ.ק. פון דער פּאַרטיי צום צ.ייד.ב. — אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערנענטערן זיך פון דער יידישער לאַנד=באַראַטונג — רעדט וועגן די אויסגעברייטערטע ווירקונגען פון דער פּאַרטיי צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט און דערמאָנט וועגן דער „ענערגישער ארבעט פון צ.ייד.ב. אונטער דער אָנפירונג פון צ.ק." [22].

אזא הויכע אָפּשאַצונג האָט געגעבן דער צ.ק. דער טעטיקייט פון חבר משה און פון דעם צענטראַלן יידישן ביוראָ.

חבר משה צוזאַמען מיט די חברים שלמה לעווין, אברהם זאַכאַריאַש א. אנד. גרייטן צו די לאַנד=באַראַטונג פון יידישע פּאַרטיי=טוער, וועלכע איז פאָרגעקומען אין די זומער=מאָנאַטן אין 1932 יאָר. אויף דער באַראַטונג האָט משה רעפערירט די גרונט=אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי אין דער יידישער סביבה.

---

[22] בריוו פון סעקרעטאַריאַט צום פּאָליט=ביוראָ — טעטשקע 1931,158/1—1932

די רעזאָלוציעס, צוגעגרייטע דורכן חבר משה צוזאַמען מיט די אויבנדערמאָנטע חברים [23] און אָנגענומענע אויף דער באַראַטונג, זענען נישט געווען פריי פון סעקטאַנטיזם ווי ס'איז נישט פריי געווען פון אים אין יענער צייט בכלל די פּאַרטיי — דאָך האָבן זיי געהאַט אין זיך אַ ריי נייע עלעמענטן און טענער.

משה האָט אין זיין רעפעראַט אַקצענטירט און אונטערגעשטראָכן די נויטיקייט „פון אויסברייטערן דעם איינהייטלעכן פראָנט מיט די נישט־אָרגאַניזירטע און מיט די בונדיש־פּעצעקישע אַרבעטער ווי אַ טאָג־טעג־לעכע אויפגאַבע". באַזונדערס איז דורך משהן אָנגעזאָגט געוואָרן דער קאַמף קעגן „קאָמאַנדעווען מיט די אַרבעטער און אָנוואַרפן באַשלוסן פון אויבן". די אָנגענומענע רעזאָלוציעס האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער אויפגאַבע פון „קאַמף קעגן אַלע סעקטאַנטישע און באַיוווקאַר־סקע טענדענצן" ביי אונדזערע חברים, וועלכע לאָזן זיך פּראָוואָצירן פון די אָנפאַלן אויף די לינק־געשטימטע אַרבעטער דורך די בונדישע באַיווו־קעס.

די העכסטע שעדלעכע פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג טענ־דענצן „וואָס רייסן אַרונטער דעם איינהייטלעכן פראָנט מיט די בונדיש־פּעצעקישע אַרבעטער" — האָט דער חבר משה און די גאַנצע באַראַטונג דערקלערט אַ ריקזיכטסלאָזן קאַמף.

אויף דער באַראַטונג איז ברייט באַהאַנדלט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון דער טעטיקייט און אויסווירקונג — ביז איצט נישט באַמערקטע — צווישן דעם ייִדישן קליינבירגערטום. צום ערשטן מאָל האָט די באַראַ־טונג אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגן די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי אויף דעם אָפּשניט.

אין משהס רעפעראַט און אין דער דיסקוסיע איז אָנגעמערקט גע־וואָרן, אַז צוגלייך מיט סעקטאַנטישע עלעמענטן און באַיווקאַרסקע טענ־דענצן — אַקצענטירטע אויף דער באַראַטונג — איז צו באַמערקן אי־בערבלייבענישן פון נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס (בונדיזם — פּו־עלי־ציוניזם) אין איניקע ריינגען פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט אין דער ייִדישער סביבה.

---

[23] ביים צוגרייטן און אויסאַרבעטן די רעזאָלוציעס און אויף דער באַראַ־טונג גופא האָט אַן אַקטיוון אָנטייל גענומען דער חבר הענריקאָווסקי — פּאַר־שטייער פון פּאָליט־ביוראָ — און דער חבר יוליאַן מייסקי, וועלכער איז דערמלט באַאַפרייט געוואָרן פון דער תפיסה.

„דאָס איז מעגלעך — זאָגן די רעזאָלוציעס — דער עיקר, ווייל אונדזער טעטיקייט צווישן די יידישע ארבעטנדיקע איז אין א געוויסער מאָס אָפּגעריסן פון דער אלגעמיינער פארטיי=טעטיקייט, צוליב דעם איז אין די צוגעגרייטע רעזאָלוציעס, אָנגענומענע אויף דער באַראַטונג, אַרויסגערוקט געוואָרן ווי א צענטראלע אויפגאבע פאר דער פארטיי אין דער יידישער סביבה: אָפּצושאפן די נאציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, אינטערנאציאָנאַליזירן די פארטיי=טעטיקייט אויף דער אזוי גערופענער יידישער גאס.[24]

* * *

אין די יאָרן 1933—1932 האָט אונדזער פארטיי דורכגעמאכט א שווערע צייט. דער פּאָליציאישער טעראָר האָט זיך געשטארקט פון טאָג צו טאָג. פיל טוער זענען דורך דער „דעפע“ ארויסגעריסן געוואָרן פון די רייען. אין דער צייט זענען אנטשטאנען פארשידענע טראָצקיסטישע גרופן, באזונדערס אין דער ווארשעווער אָרגאניזאציע און די ראיאָנען מוראנאָוו — פּאָוואָנזעק — מיטלשטאָט. די הערש=מענדלס, וואלס, אלעקסאַנדער מינצס, דויטשערס, האָבן געוואָלט אָפּרייסן די פּאַרייען פון דער קאָמוניסטישער אָנפירונג. משה האָט ארויסגעוויזן פיל ענערגיע און מי אין קאמף קעגן די טראָצקיסטישע גרופן. ער גייט פון איין פארטיי=פארזאמלונג אויף דער צווייטער. מיר טרעפן אים דעמלט אין די פארטיי=אָרגאניזאציעס פון טעקסטיל, מעטאל, בעקער, האָלץ, לעדער, הויז=ווירטשאַפט און באזונדערס אין דער אייגענער פארטיי=אָרגאניזאציע. ער האָט געוועקט צוטרוי און געטרייׄשאפט צו דער פארטיי=אָנפירונג און קאָמינטערן. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז צווישן די פוילישע אַרבעטער האָט דער טראָצקיזם זיך בכלל נישט אָנגענומען און אויף דער יידישער גאס זענען די טראָצקיסטן געבליבן א קליינע איזאָלירטע גרופּע, אָן וועלכע ס'איז איינפלוס צווישן די מאסן.[25] דערהוייל ווערט די זיכערקייט פון משהן שטארק באדראָט. די פּאָליציי לאָזט אים נישט צורו. זי טרעט אים אויף די פּיס.

דער צענטראל=קאָמיטעט באשליסט אָפּצורייסן משהן פון דער די=

[24] זע „צום קאמף“ נומ. 1. יאַנואר 1933, זייט 7—11 אוליפ.

[25] דער בעסטער טייל, דער עיקר די ארבעטער, זענען געקומען צוריק צו דער פארטיי, אָדער מיטגעארבעט מיט דער פארטיי. די איבעריקע הערש=מענדלס, דויטשערס, אלעקסאנדער מינצס, אהרן וואַלס, און אנדערע זענען געוואָרן בונדיסטן, ציוניסטן, אָדער עמיגרירט קיין אויסלאַנד און אוועק פון דער ארבעטער=באַוועגונג.

רעקטער ארבעט אין לאַנד אויף א געוויסער צייט. ער ווערט געשיקט אויף עטלעכע מאָנאַטן קיין מאָסקווע.

אויך דאָרט זיצט ער נישט ליידיק, ער פארבינדט זיך תיכף מיטן אינטערנאציאָנאַלן אקציע=קאָמיטעט פון די שניידער ביים פראָפינטערן, וווּ ער איז אַ מיטגליד, לייענט פיל מאַטעריאַלן וועגן די שטרייקן און פראָפ. טעטיקייט אין אנדערע לענדער, באקענט זיך מיטן געבוי און ארבעט פון די סאָוויעטישע פראָפ. אָרגאניזאציעס. אויף קאָנפערענצן און זיצונגען נעמט משה אן אָנטייל אין די דיסקוסיעס וועגן פראָפ. און שטרייק=טאקטיק.

משה שרייבט אָן אין דער צייט אן אנאליטישן רעפעראט פאר דעם אינטערנאציאָנאַלן אקציע=קאָמיטעט פון די שניידער וועגן דער עקאָנאָמיש=פּאָליטישער לאגע פון די שניידער אין פוילן, וועגן זייערע אקצעס און שטרייקן און וועגן דעם צושטאַנד אין די פראָפ. אָרגאניזאציעס. ער נוצט אויך אויס זיין צייט אין מאָסקווע פאר לייענען פארטיי מאטעריאלן און פּאָליטיש=טעאָרעטישע ליטעראטור.

נאָך דעם קורצן „אָפּרו“ איז משה צוריק אין לאַנד. ער ארבעט אין דעם צענטראַלן פראָפ. אָפּטייל און אין ציטעווייליקן לאַנדסעקרעטאריאט מיט די חברים פּאַוועל פינדער און יאַן איזידאָרטשיק.

אין 1934 יאָר קומען פאָר איז לאַנד וואלן צו די שטאָט=ראטן. משה ווערט דעלעגירט מצד דעם לאַנד=סעקרעטאריאט קיין לאָדזש — העלפן די דאָרטיקע קאָמוניסטן אין דער וואל=אקציע.

די רעכטע פירער פון פּפּס„ „בונד“ און דייטשישע ס.ד. ווארפן אָפּ די ווענדונגען וועגן אייגהייטלעכן פראָנט. די אנטיפאשיסטישע וואל=ליסטע „ארבעטער אייגהייט“ ווערט מצד דער סאנאציע געפּסלט. די לאַגע איז געווען א שווערע. משה איז געווען געניט באקאַנט אין לאָדזש פון זיין לעגאלער מאסן=ארבעט. אין די באדינגונגען פון האלב=לעגאלער מאסן=ארבעט, ווי עס פארלאנגט א וואל=אקציע ביי א געפּסלטער ליסטע, איז זיין אין לאָדזש געווען נישט פון די לייכטע זאכן. משה האָט דאָך ווייטער באַוויזן נישט אַריינצופאַלן און בשלימות דערפילן די אויפגאבע. די לאָדזשער קאָמוניסטן האָבן מיט זיין הילף דערפירט דערצו, אז העכער 40 טויזנט ארבעטס=מענטשן האָבן געשטימט פאר דער קאָמוניסטישער געפּסלטער וואַל=ליסטע. [25א]

---

[25א] „Czerwony Sztandar“ („רויטע פאָן“) יולי=אויגוסט 1934.

ערשט נאָך די וואַלן איז די פּאָליציי וויזט אוים ארויף אויף די שפּורן פון משהס טעטיקייט אין לאָדזש. זי האָט אים געזוכט, ביי אַרעסטירטע זיך נאָכגעפרעגט אויף אַ „טויבן משה“ — משה איז שוין אָבער דעמלט געווען אין וואַרשע.

דער צ.ק. שיקט אים קיין מערב-ווייסרוסלאַנד צו דער דיספּאָזיציע פון צ.ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון מ.וו. נאָך צוויי מאָנאַטן פּאַרטיי-טעטיקייט אין ווילנע — ווערט משה געזוכט דורך דער פּאָליציי אויף זיין אומלעגאַלער דירה. „לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — איז די דירה פאַרשיט געוואָרן דורכן פּראָוואָקאַטאָר סטרעלטשוק“. א דאַנק א צופאַל און הילף פון די חברים מיידט משה גליקלעך אוים דעמלט אן אַרעסט.

דער צ.ק. וואַרפט אים איבער אויף פּאַרטיי-אַרבעט קיין ביאַליסטאָק, דאָרט אַרבעט ער מיט די חברים א. בוקאָוויטש, זימנאַד, פּורקאַ, ש. כמעלניק, סאַמוטין וואַסיליעוו.

אין וואַרשע-הינטערשטאָט קומען פאָר גרויסע אַרעסטן. דער צ.ק. פון דער קפּפּ רופט אָפּ משהן פון מערב-ווייסרוסלאַנד, כדי ער זאָל אויפבויען די צעפאַלענע — צוליב די אַרעסטן — פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשעווער געגנט און דורכצופירן די 1-טע מאַי-אַקציע. משה האָט זיך שפּעטער דערוווסט, אַז אויך אין ביאַליסטאָק — נאָך זיין אַוועקפאָרן — איז אויף זיין דירה קילינסקי 13 געווען אַ רעוויזיע און ווידעראַמאָל האָט משה זיך ארויסגעגליטשט פון די פּאָליצייאישע לאַפּעס.

ווי יעדער אומלעגאַלער אַרבעטער-טוער האָט אויך משה נישט געאַרבעט לאַנג אויף איין אָרט, כדי זיך נישט דעקאָנספּירירן.

דעם 15-טן מאַי 1935 ווערט דער חבר משה גרינבאום איבערגעשיקט צו דער דיספּאָזיציע פון צ.ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון מערב-אוקראַינע. ביז דער העלפט מאַי 1936 יאָר איז ער טעטיק אין סעקרעטאַריאַט פון צ.ק. קפּמאו. אין דער צייט זענען פאָרגעקומען גרויסע אַרעסטן, א ריי דירות פאַלן פּאָליצייאיש אַרויף. משהס לאַגע ווערט א שווערע. עס זענען געווען ידיעות, אַז די לעמבערגער פּאָליציי ווייסט שוין וועגן אים. משה פאַרקאָנספּירירט זיך נאָך שטאַרקער, ער באַגרענעצט זיין באַווייזן זיך אויף דער גאַס. טיף אונטער דער ערד פירט ער ווייטער אָן מיט דער פּאַרטיי-טעטיקייט. ער אַרבעט דעמלט מיט די חברים יוזעף זאַוואַדזקי (גרין), קאָמאַר, וואַוזשיניאַק, און סענקאַ.

אין נאָוועמבער 1935 טרעף איך זיך מיט משהן אין טשעבאָסלאָ-

וואקיע. מיר, א גרופע העלגאטן, האָבן זיך אומגעקערט פון VII קאָנ־גרעס פון קאָמינטערן, משה איז דאן געקומען פון לאַנד מיט א באריכט צום ביוראָ פון צ.ק. פון דער ק.פ. פון מערב־אוקראינע.

פיל האָבן מיר געשמועסט וועגן דער טאַקטיק פון אייגהייטלעכן און פאָלקס־פראָנט, וועגן אייגהייט פון דער פראָפ. באוועגונג. באזונדערס האָט זיך משה פאראינטערעסירט מיטן פראָבלעם פון שמידן דעם ברייטן אנטיפאשיסטישן, אנטיאקופאנטישן און נאציאָנאַל־באפרייערישן פראָנט אויף די געביטן פון מערב־אוקראינע.

אין די שמועסן מיט אים האָב איך מיט צופרידנקייט באמערקט זיין באהאָונטקייט אין דער אוקראינישער פראָבלעמאטיק. „ווי גוט איז פאר אַ פארטיי־טוער — פלעגט ער זאָגן — נישט צו זיין באגרענעצט אין פארטייאישער ארבעט, נאָר זיך באַקענען מיט פארשידענע פאַר־טיי־פראָגטן דורך אייגענער פראקטישער טעטיקייט און נישט נאָר דורך לייענען מאטעריאלן".

די חברים פונעם ביוראָ פון צ.ק. פון קפ פון מערב־אוקראינע, צווישן אַנדערע גוסטאַוו רייכערט (רוואָל) האָבן דערשאַצט משהס פארטיי־טעטיקייט און אָנגעמערקט וועגן דעם אין זייערע באריכטן צום פאָליט־ביוראָ.

* * *

דער 4 פלענום פון צ.ק. פון דער קפפ האָט נאָכן 7 קאָנגרעס פון קאָמינטערן באשלאָסן, אז חברים, וועלכע האָבן אמאָל געארבעט אויף לעגאַלער מאסן־ארבעט און שפעטער אריבער אויף אומלעגאַלער טעטי־קייט, זאָלן מאָביליזירט ווערן צוריק צו מאסן־ארבעט און זיך לעגאַלי־זירן, כדי אלס פאָפולערע מאסן־טוער אָרגאניזירן דעם אנטיפאשיסטישן אייגהייטלעכן און פאָלקס־פראָנט און שטיין ביי דער אָנפירונג אין דער שווין דערגרייכטער פאראייניקטער פראָפ. שנייזדער־אָרגאניזאציע. סוף מאי 1936 איז משה צוריק אין ווארשע מאָביליזירט צו לעגאַלער מאסן־ארבעט.

אין דער צייט זענען פאָרגעקומען פיל ארעסטן. יעדן טאָג פלעגט ארויסגעריסן ווערן פון אונדזערע רייען פיל טוער, באזונדערס די לעגאַלע טוער, און פארשיקט ווערן אין לאַגער אין קאַרטוז בערעזע. משה האָט אין זיין שמועס מיט חברים אויסגעדריקט דעם פאַרגעפיל, אז נישט לאַנג וועט אים דינען די פריי.

„זייער אָפט פלעג איך מיט משהן שפאצירן ביז אין דער טיפער

נאכט אריין — דערציילט יואל לאַזעבניק. — איינמאָל האָט ער מיט מיר גערעדט וועגן די פיזישע ליידן, אויף וועלכע ס׳זענען אויסגעשטעלט אונדזערע חברים אין די קאַזאַמאַטן פון דער פוילישער אָכראַנקע, אין די תפיסות און אין בערעזע. דאָך ברעכן זיי זיך נישט". „איך פיל — האָט ער געזאָגט — אַז אויך אונדז דערוואַרט דאָס יעדע מינוט". אין דעם שמועס האָט ער אויסגעדריקט זיין אַכטונג פאַר די געפייניקטע און זייער פאַרהאַרטעוועטן כאַראַקטער און פאַראַכטונג לגבי די, וועלכע קאָנען נישט אויסהאַלטן די פיזישע קלעפּ און ברעכן זיך איין.

דאָס מאָל האָט אים נישט אָפּגעגליקט. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שרייבט ער: „איך האָב נישט באַוויזן ממשותדיק זיך נעמען צו דער אַרבעט, ווי איך בין דעם 19-טן יולי 1936 אַרעסטירט געוואָרן".

7 טעג ווערט משה געהאַלטן אין אַ פינצטערער נאַסער קאַמער פון אויספאָרשונגס-אַמט. ער דערקלערט אַ הונגער-שטרייק, פאָדערנדיק באַפרייונג אָדער תפיסה.

נאָך דריי טעג הונגערן אין דער קאַמער האָט משה באַקומען דעם ענטפער — קאָנצענטראַציע-לאַגער אין קאַרטוז בערעזע.

18 מאָנאַטן האָט מען משהן געפייניקט אין בערעזע, דערפון 64 טעג אין פינצטערן, פּראָסטיקן, נאַסן בערעזע-קאַרצער אויף האַלבע פּאָרציעס עסן, אין דעם 36 טעג בלויז אויף וואַסער. משה איז די גאַנצע צייט געווען אויף דער „קאַרנע סאַלע" (שטראָף-קאַמער), ווו די פייניקונגען זענען געווען גרעסער און שרעקלעכער. נישט איינמאָל איז ער אויף אַ שווינדערלעכן אופן געקאָמעוועט געוואָרן דורך די פּאָליציייִשע הינט — דורך די פּיטעלעס, נאַדאַלסקיס, סאָלעצקיס, פּרוכניעוויטשעס און לענטשעווסקיס.

משה האָט געהערט צו די בערעזער העלדן, נישט איינמאָל האָט ער ווירדיק פּראָטעסטירט ביים לאַגער-קאָמענדאַנט — קאַמאַלאַ קורהאַנסקי און ביי די דעלעגירטע פּאָליציי-קאָמיסאַרן פון וואַרשע — פּאַגאַזשעלסקי, אַניאָלקאָווסקי א.אַנד. קעגן דעם שלאָגן און פייניקן. מיט עקל האָט משה אָפּגעוואָרפן די פאַרשטעלטע פאָרשלאָגן אָפּצוזאָגן זיך פון פּאָליטישער טעטיקייט און פאַר דעם פּריז באַפרייט ווערן.

פּונקט ווי אויף דער פריי איז זיין פּאַרטיי-טעטיקייט געווען שטענדיק רעוואָלוציאָנער-פּרינציפּיעל, אַזוי איז ער אויך אין די קאַטאָרגע-באַדינגונגען געווען רעוואָלוציאָנער-עקשנותדיק, זיך נישט געבויגן אונטער די קלעפּ און טאָרטורן.

ער האָט נישט בלויז אַליין אויסגעהאַלטן, נאָר אין די דאָזיקע שווע־רע באַדינגונגען נאָך געהאָלפן די ייִנגערע און פריש געקומענע.

איך אַליין האָב געפילט זיין הילף אין די ערשטע, שווערסטע טעג פון מיין זיין אין בערעזע. די שיך זענען זיך אין די פּאָליעסער בלאָטעס צעפאַלן. פון די קלעפּ אין דעם אונטערשטן טייל פון קערפּער האָבן גע־פּלאַצט די הויזן. משה האָט מיך באַזאָרגט מיט גאַנצע שטיוול און אויך מיט גאַנצע הויזן. דערביי מיט וואַטע, כדי ווייניקער צו פילן די קלעפּ. דאָס האָט אים געקאָסט 7 טעג קאַרצער. די מאָראַלישע און מאַטעריע־לע הילף פאַר מיר און אַנדערע, וואָס משה האָט געטראָגן זענען זאַכן, וואָס פאַרגעסן זיך נישט. א פיזיש אויסגעמאַטערטער און אויסגעצער־טער ווערט ער באַפרייט אין סוף נאָוועמבער 1937 יאָר.

זיינע נאָענטסטע חברים, וועלכע האָבן זיך מיט אים געטראָפן אין די ערשטע טעג אויף דער פריי, שילדערן אים אַזוי: „אויסגעדאַרט און בלאַס, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, האָט ער אויף אונדז געמאַכט א שווערן איינדרוק. אָבער זיינע אויגן מיט זייער טיפן בליק זענען געבליבן ווי געווען, זיי האָבן געשמייכלט און עס האָט געטליעט אין זיי אַן אינערלע־כע פעסטקייט און דעצידירטקייט. זיי האָבן אָפּגעשפּיגלט א גוואַלדיקע מאָראַלישע קראַפט און איבערמאַכט איבער זיינע פּייניקער. זיין האַרץ און כאַראַקטער זענען געבליבן אומבאַרירט, נישט געקוקט אויף די פי־זישע ליידן און פּייניקונגען. מען האָט געזען דעם אַמאָליקן פּאַרטיי־טוער „משה דעם טויבן".

משה האָט זיך גלייך געמאָלדן צו דער פּאַרטיי־אָנפירונג — צו פּאַרטיי־אַרבעט. זיין ווונטש איז געווען צו זיין אויף די שפּאַנישע שלאַכט־פעלדער און קעמפן קעגן פאַשיזם. זיין הייסער פאַרלאַנג ווערט נישט דערפילט.

* * *

געווען איז עס אין אָנהייב 1938 יאָר. עס גייען אַרום פאַרשידענע פּיינלעכע קלאַנגען וועגן דער קפּפּ, וועגן די פּאַרטיי־פירער, וועלכע משה האָט פּערזענלעך געקענט. משה גלייבט נישט, ער לייקנט זיי אָפּ. צום סוף, דער שרעקלעכער קלאַפּ — די אָפיציעלע ידיעה — די קפּפּ איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן. פון די ייִנגסטע יאָרן אָן אין און מיט דער פּאַרטיי — און פּלוצעם פאַריתומט! — אַזוי פּלעגט ער זיך אויסדריקן אין שמועסן מיט זיינע נאָענטסטע קאַמפס־חברים און פריינד.

די חברים דערציילן וועגן די שפּאַצירן מיט משהן ביז דריי ביי־

נאַכט אויף דער גאַנצער לענג פון דער לעשנאָ־גאַס אהין און צוריק. מען האָט געזוכט אן ענטפער אויף די סיבות פונעם אויפלעזן די פּאַרטיי. חברים זענען געווען פאַרטרויערט און דעזאָריענטירט.

משה איז באַזאָרגט און געטראָפן פון דעם געשעענעם, ער איז אָבער נישט דערשלאָגן און רעזיגנירט. „דו וועסט זען — האָט ער געטענהט — אַז דאָס וועט זיך אויפקלערן, אַזוי קאָן דאָס נישט זיין. מיר זענען געווען און פאַרבליבן איבערצייגטע קאָמוניסטן. יעדער דאַרף זיין אויף זיין אָרט, אין וואַרשע און אין פּאַריז, יעדער מוז פאָרזעצן זיין נוצלעכע אַרבעט אין ווייטערדיקן שווערן קאַמף“.

משה אַרבעט אין שניידער־וואַרשטאַט. צוזאַמען מיט זיינע חברים איז ער טעטיק אין פאַראייניקטן שניידער־פאַריין.

ווי שטענדיק פלעגן אויך אין יענער שווערער צייט קאָמוניסטן און לינק־געשטימטע אַרבעטער קומען צו משהן און זיך באַראַטן וועגן פּראָפ. פראַגן. נישט געקוקט אויף די רופן פון „בונד“ און אַנדערע יידישע פּאַרטייען, וואָס האָבן געהאַט שאָדן־פרייד, זענען די קאָמוניסטן און זייער מאַסע געבליבן טריי דער קאָמוניסטישער אידעע. זיי זענען אין ערגעץ נישט געלאָפן. געבליבן טריי, געוואַרט אויף בעסערע צייטן.

* * *

היטלער־דייטשלאַנד פאַלט אָן אויף פּוילן. די מערב־ווייסרוסישע געביטן ווערן באַפרייט דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי. משה, זיין פרוי אַדעלע און קינד לענקאַ קומען קיין ביאַליסטאָק. משה שרייבט צום קאָמינטערן. ער מעלדעט זיך צו דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון ראַטנפּאַרבאַנד. מיט זיין גאַנצן ברען וואַרפט ער זיך אין דער סאָציאַליסטישער בוינגס־אַרבעט.

די שניידער־אַרבעטער געדענקען משהן פון די אַמאָליקע קאָנספּיראַציע־יאָרן. ער ווערט א מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון פּראָפ. פאַריין און אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער פּראָפ. שניידער־אָרגאַניזאַציע.

בעת דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער פּראָפ. באַוועגונג ווערט משה באַשטימט אַלס באַפולמעכטיקטער פון וואָיעוואָדישן אָרג. ביוראָ פון די שניידער־פאַריינען און בעת די וואַלן ווערט ער אויסגעוויילט אַלס מיטגליד אין שטאָטישן קאָמיטעט פון פאַריין און אַלס זיין וויצע־פּאָרזיצער.

אין יאַנואַר 1940 איז חבר משה צוגעטראָטן צוזאַמען מיט א גרופּע שניידער־אַרבעטער, אויפן גרונט פון א באַשלוס פון שטאָטישן סאָוויעט,

צו אָרגאַניזירן די ערשטע מלוכהשע שניידער־פאַבריק. משה איז לייטער פון אַן אָפּטיילונג, ער נעמט אַן אָנטייל אין דער בויונג פון דער פאַבריק. ער איז טעטיק אין פאַבריקס־קאָמיטעט, אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע און אין דער מאָפּר־אָרגאַניזאַציע. ער איז אַקטיוו אין דער וואַל־אַקציע צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, צום אויבער־ראַט פון ווייס־רוסלאַנד און אַלפאַרבאַנדישן דעלעגאַטן־ראַט פון די ארבעטנדיקע. ער איז טעטיק אַלס לעקטאָר און אַגיטאַטאָר פון שטאָטישן און געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט.

דעם 22 יוני 1941 ווערט ביאַליסטאָק פּלוצלונג באָמבאַרדירט פון די היטלעריסטישע חיילות. משה איז גלייך אַוועק אויף דער פאַבריק. אַזוי איז געווען דער באַפעל פון דער פאַרטיי — יעדער קאָמוניסט אויף זיין ארבעטס־פּלאַץ!

משה האָט נישט באַוויזן זיך צו עוואַקואירן פון ביאַליסטאָק.

פון 27־טן יוני אָן — כסדרדיקע לאַפּאַנקעס אויף די גאַסן און אין די שטובן מצד דער געסטאַפּאָ. עס ווערן געזוכט באַקאַנטע געזעלשאַפט־לעכע טוער, סאָוועטישע מענטשן און קאָמוניסטן. אַלע טאָג הונדערטער דערשאָסענע אָדער לעבעדיקערהייט פאַרברענטע.

דעם 12־טן יולי 1941, אין א שבתדיקן טאָג, גייט דורך א בלוטיקע כוואַליע פון טעראָר איבער ביאַליסטאָק. 5.000 יידן זענען ארויסגעפירט געוואָרן הינטער דער שטאָט. אויף פּיעטראַשער פעלד און געוואָרן דער־שאָסן. צווישן זיי אויך אונדזער טייערער, אומפאַרגעסלעכער חבר משה, „משה דער טויבער". ער קומט אום צוזאַמען מיט די, מיט וועלכע ער האָט געארבעט, געלעבט און געקעמפט, צוזאַמען מיט די, מיט וועלכע ער האָט געטראַכט און פּלאַנירט וועגן קאַמף אין די נייע שווידערלעכסטע באַדינגונגען קעגן די פעלקער־מערדער און מערדער פון יידישן פאָלק! אים איז נישט באַשערט געווען צו פאַלן אין דירעקטן קאַמף קעגן שונא מיט געווער אין האַנט! גליקלעכער איז געווען זיין פרוי — אדעלע הערץ. זי איז געווען איינע פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַנטיפאַשיסטישן און אַנ־טיאָקופּאַנטישן קאַמף אין ביאַליסטאָקער געטאָ און אין די ביאַליסטאָ־קער וועלדער. אין קאַמף איז אַדעלע געפאַלן.

אַזוי האָט געוואָלט דער גורל, אַז משה, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז געווען — קאַמף, איז ארויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען, נישט באַוויזנדיק דעם אַנטיאָקופּאַנטישן קאַמף צו אָרגאַניזירן און אַליין אין אים אָנטיילצונעמען.



# שמואל מערעטיק — „אַדאַם"

גאָר אַלס ייִנגל — אינעם 13־טן לעבנס־יאָר — פֿילנדיק די עקספּלאָ־אַטאַציע מצד די באַלעבאַטים אויף די אייגענע פּלייצעס — ווערט אדאם אַריינגעצויגן אין דער אָרגאַניזירטער פּראָפ. באַוועגונג.

א יונגער מאַרשירט ער אין די קאָמוניסטישע יוגנט־מחנות און אויך גאָר גאָר יונג קומט ער אום אין דער גרויסער שלאַכט קעגן די היטלערישע מערדער פֿון ייִדישן פֿאָלק און פֿון אַלע פֿעלקער. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געלעבט אין קאַמף און אין קאַמף געפֿאַלן.

געבוירן אין וואַרשע אין 1907 יאָר. דער פֿאָטער אַ בעקער־אַרבעטער און די מוטער אַ הויז־דינערין. אַ קינד נאָך — סך־הכל אַנדערטהאַלבן יאָר — פֿאַרבלייבט שמואל אַ יתום. עס שטאַרבט אים דער פֿאָטער. די מאַמע ווערט די שפּייזערין פֿון דריי קליינע קינדער. די חיונה שעפּט זי פֿון וואַשן וועש און פֿון זיין אַ קעכין ביי רייכע באַלעבאַטים.

עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. די מאַמע מיט די קליינע קינדער פֿאָרן אַריבער קיין מינסק־מאַזאָוויעצק, האָפֿנדיק דאָרט איבער־צוקומען די שווערע מלחמה־יאָרן.

שמואל — שטענדיק אַ הונגעריקער — ווערט דערצויגן אויף דער גאַס, אַן מוטערלעכער אויפֿזיכט. ער אַרבעט שווער, כדי צו קענען צוהעלפֿן דער מאַמען, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט.

„ביזן 12־טן לעבנס־יאָר האָב איך געלעבט אויף דער גאַס — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע אין 1941 יאָר — אָן אַ שול, פֿון די ייִנגסטע יאָרן אָן האָב איך געמוזט צוהעלפֿן דער מאַמען".[1]

אדאם באַשליסט העלפֿן דער מאַמען נישט בלויז אין שטוב, נאָר גיין אַרבעטן און ווערן אַ פֿאַרדינער. אין 1919 יאָר, אַלס 12־יאָריק יונגל, הייבט ער זיך אָן לערנען שניידעריי. ער דערפֿילט אויף זיינע יונגע פּליי־

---

[1] אַרכ. אינסט. פֿאַר פּאַרטיי־געשיכטע — פּערזענלעכע טעטשקע, סיגנ. 3483.

צעם די שווערלעכע עקספּלאָטאַציע און אויסנוצונג. נישט איינמאָל קומט ער אַהיים אַ צעבראָכענער און באַליידיקטער, אויסוויינענדיק זיך אין דער מאַמעס שויס. אַלס לערן־ייִנגל באַקומט ער די ערשטע לעקציע פון קלאַסן־קאַמף.

1920 יאָר. די רויטע אַרמיי שלאָגט אָפּ די ברוטאַלע אַגרעסיע פון די פּילסודסקי־חיילות אויפן ראַטנפאַרבאַנד, גייט אַריבער אין אַ קאָנטראָפענסיווע און דערגייט ביז די טויערן פון וואַרשע. אין מינסק־מאַזאָוויעצק אַנטשטייט אַ רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט. צענדליקער פאַרזאַמלונגען און מיטינגען קומען פאָר אין שטאָט און אומגעגנט.

מערעטיק, אַ ייִנגל פון 13 יאָר, הערט זיך צו צו די שמועסן פון די אַרבעטער אין וואַרשטאַט. מיט זיי קומט ער אויף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. עס דערגייען צו אים ווערטער, וואָס מאַכן אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק, כאָטש ער פאַרשטייט נאָך נישט וואָס אַרום אים קומט פאָר.

ווען די פּילסודסקי־חיילות מאַרשירן צוריק אַריין אין שטאָט, הייבן זיך אָן מאַסן־אַרעסטן. פיל אַרבעטער ווערן דערשאָסן, ווייל זיי האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דער רויטער אַרמיי און האָבן צוגעהאָלפן אָרגאַניזירן די מאַכט פון די אַרבעטנדיקע. מערעטיק הערט, ווי די אַרבעטער דערציילן וועגן די געשעענישן אין שטאָט און אין דאָרף און ער הייבט אָן צו פאַרשטיין פאַרשידענע דערשיינונגען. ער שטעלט די ערשטע שריט אונטער דער ווירקונג פון די עלטערע שוין דערפאַרענע אַרבעטער אין אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין ביי־אָרגאַניזירטן פראָפ. קלאַסן־פאַריין פון די שניידער־אַרבעטער ווערט מערעטיק אַ מיטגליד. די פאָרגעקומענע שטרייקן און אַקציעס און זיין אָנטייל אין זיי איז פאַר אים די אמתע לעקציע פון קלאַסן־קריג.

אין שטאָט עקזיסטירט אַ קאָמוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע. מערעטיקס אַקטיוויטעט בעת די שטרייקן, זיין הילף ביי פאַרשידענע טעכניש־אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעטן אין פאַריין, ציט די אויפמערקזאַמקייט פון די קאָמוניסטן. אין 1922 יאָר ווערט ער אריינגעצויגן אַלס מיטגליד אין דער שטאָטישער אָרגאַניזאַציע פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד.

אין קורצן ווערט ער איינער פון די אַקטיווסטע קאָמוניסטן. אַלס זייער פעיקער און דרייסטער בחור, ווערט ער אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פון קעמערל ביי די שניידער.

אין דער פּאַרטיי און אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז צו פאַרצייכענען אין די יאָרן 1923—1924 אַ שטאַרקע אויפלעבונג. מערעטיק געפינט

זיך אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון די דאָרטיקע פּאַרטיי=טוער: סטאַניסלאַוו דאָמבראָווסקי, מאַריאַן גורסקי, גוראַלטשיק, שאַפּראַנאָווסקי און זאַוואַדזקי. פון זיי לערנט מערעטיק זייער פיל. ער איז שוין טעטיק נישט בלויז ביי דער שניידער=יוגנט, נאָר ביי דער יוגנט אין שטאָט בכלל. ער טרעט אַרויס אויף מאַסוווקעס און פאַרזאַמלונגען. מען זעט אים שוין אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דעמאָנסטראַציעס און פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען, אָרגאַניזירט פון דער פּאַרטיי און פון דער יוגנט=אָרגאַניזאַציע.

אין 1924—1925 ווערט אדאם אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר פון ראַיאָן=קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד. אַלס אַזעלכער קומט ער אויף די זיצונגען פון פּאַרטיי=קאָמיטעט, נעמט אָנטייל אין דער פּאַרטיי=טעטיקייט און לערנט זיך אויפן גרונט פון די פּראַקטיש=פּאָליטישע דערפאַרונגען. מערעטיק ווערט פּאָפּולער נישט בלויז אין דער אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך ביי דער יידיש=פּוילישער אַרבעטנדיקער יוגנט אין שטאָט.

זיין אַקטיווקייט אין פּראָפּ. פאַריין, זיינע אָפטע אַרויסטרעטונגען אין דער עפנטלעכקייט אויף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. די העפענסיווע=לייט ווערן אָפטע „געסט" ביי מערעטיקן אין שטוב, אַדורכפירנדיק רעוויזיעס. פיל מאָל ווערט ער אַרעסטירט. ערב דער פּילסודסקי=איבערקערעניש אין מאַי 1926 יאָר קומען פאָר מאַסן=אַרעסטן אין מינסק=מאַזאָוויעצק און עס ווערן אינטערנירט אַדמיניסטראַטיוו, אַלס פּאָליטיש געפערלעכע, פיל קאָמוניסטישע טוער — צווישן זיי אויך מערעטיק. אין דער צווייטער העלפט פון מאַי 1926 ווערט ער באַפרייט. מיט פּאַרטאָפּלט=קאָנספּיראַטיווע מעטאָדן פירט ער אָן אין די באַדינגונגען פון פאַשיזם מיט דער קאָמוניסטישער יוגנט=אָרגאַניזאַציע. ער איז טעטיק נישט בלויז אין שטאָט, נאָר אויף אין די דערפער פון מינסק=מאַזאָוויעצקער געגנט, וווּ ער שאַפט קאָמוניסטישע קרייזן און אָרגאַניזירט דעם טראַנספּאָרט פון אומלעגאַלער ליטעראַטור.

אונטער מערעטיקס אָנפירונג וואַקסט די קאָמוניסטישע יוגנט=אָרגאַניזאַציע אין די יאָרן אין דער טיף און אין דער ברייט. מיט זיין הילף ווערן דערצויגן נייע קאַדרען און אָרטיקע יוגנט=טוער. חבר סטאַניסלאַוו דאָמבראָווסקי, איינער פון די עלטסטע קפּפּ=טוער, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּפּר, פאָלקס=גוואַרדיע און פאָלקס=אַרמיי אין מינסק=מאַזאָוויעצק שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז „נישט געקוקט אויפן שרעקלעכן טעראָר האָט די קאָמוניסטישע יוגנט=אָרגאַניזאַציע אַנטוויקלט די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין שטאָט און אין דאָרף". דערמאָנענדיק

די געטרייע און איבערגעגעבענע קומפּ־מוער, רעכנט ער אוים צווישן אַנ־דערן אויך דעם חבר אַדאַם מערעטיק.[2]

דער פּאַרטיי־קאָמיטעט שאַצט אָפּ, אַז די אין קאַמף דערצויגענע נייע יוגנט־מוער קענען פּאַרטרעטן אַדאַמען אין דער קומפּ. ער ווערט מאָבי־ליזירט אויסשליסלעך אויף פּאַרטיי־טעטיקייט, בלייבנדיק ווייטער אין וואַר־שטאַט, פון וואַנען ער שעפּט זיין חיונה. אַדאַם ווערט אַ מיטגליד אין פּאַרטיי־קאָמיטעט. ניט געקוקט, וואָס ער איז נאָך געווען אַ יונגער יאַט, האָט ער דאָך שנעל זיך דערוואָרבן — אַדאַנק זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און פּאָליטישן ניוואָ — אָנערקענונג און ליבשאַפט ביי די על־טערע פּאַרטיי־חברים. אין קורצן, אין 1927 — 1928, איז שוין אַדאַם סע־קרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער קפּפּ.

אין 1928 יאָר קומען פּאָר וואַלן צום סיים. בעת דער גרויסער וואַל־שלאַכט האָט אַדאַם ניט געזשאַלעוועט זיין מי און ענערגיע. די וואַל־אַרבעט איז געפירט געוואָרן לעגאַל, האַלב לעגאַל און אומלעגאַל. אַדאַם האָט באַוויזן זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. אין באַדינגונגען פון פאַשיסטישן טעראָר און פאַרשטאַרקטע פּאָליציי־רעפּרעסיעס איז די אַקציע געווען אַ מאַסנהאַפטע דורך אָרגאַניזירטע מיטינגען, פאַרזאַמלונגען, מאַ־סוווקעס, הויז־אַגיטאַציע און ליטעראַטור־פאַרשפּרייטונג. סטאַניסלאַוו דאָמבראָווסקי שרייבט אין זיינע זכרונות:

„די פּאַרטיי האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. ניט געקוקט אויפן טעראָר גייט די פּאַרטיי פאָרויס“.[3]

די קאָמוניסטן אין מינסק־מאַזאָוויעצק, ווי אין לאַנד פאַרצייכענען אַ גרויסן זיג. דאָס לאָזט ניט רוען די פּאָליציי. די פאַרפאָלגונגען שטאַרקן זיך. אַ ריי פאַרייען און לעגאַלע קלובן ווערן פאַרמאַכט. אַדאַם ווערט באַשאָנקען מיט אַ פאַרשטאַרקטער פּאָליציי־אויפזיכט. פאַר יעדער וויכ־טיקער געשעעניש ווערט אַדאַם אַרעסטירט. די פּאָליציי רייסט אים אָפּטער אַוועק פון וואַרשטאַט, זיינע פאַרדינסטן פאַר זיך און פאַר דער מאַמען ווערן פאַרקלענערט. זיין לעגאַלע פּאַרטיי־טעטיקייט ווערט באַשרענקט. דאָך ווערט אַדאַם ניט מיד. ביים רעאַליזירן וויכטיקע פּאַרטיי־אויפגאַבן איז ער שטענדיק דאָ און איז זיינע אומדערשעפּלעך אין זיינע קאָנספּיראַציע־איינפאַלן.

---

[2] זכרונות פון סטאַניסלאַוו דאָמבראָווסקי — טעטשקע סיגנאַטור 1171 אהפּ.
[3] זע אויבן.

אין יאַנואַר יעדעס יאָר פֿאַלט אויס דער טאָג פֿון די „דריי ל“ — לענין — ליבקנעכט — לוקסעמבורג — אַ טאָג פֿון דעמאָנסטראַציעס, אָרגאַניזירט דורך דער קפּפּ. דער ראַיאָן־קאָמיטעט באַשליסט צו אָרגאַניזירן אין יאַנואַר 1929 אין מינסק־מאַזאָוויעצק אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע. אַדאַם איז פֿאַראַנטוואָרטלעך מצד דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט פֿאַר דער צוגרייטונג פֿון דער אַקציע און פֿאַרן אָנפֿירן מיט איר אין טאָג פֿון דער דעמאָנסטראַציע. די דעמאָנסטראַציע איז געווען אַ גרויסע, פּאַרטיי־פֿענער אויף די גאַסן צווישן די דעמאָנסטרירנדיקע אַרבעטער. עס קומט פֿאָר אַ פּאָליציי־אָנפֿאַל, פֿיל צעשלאָגענע און אַרעסטירטע. אַדאַם ווערט באַשולדיקט אַלס אָרגאַניזאַטאָר. ער ווערט אָפּגעשיקט אין דער וואַרשעווער תּפֿיסה „פּאַוויאַק“. אויפֿן וועג שטעלט ער אַ ווידערשטאַנד. ער לאָזט זיך נישט שמידן אין קייטן דורך דער פּאָליציי, פֿאַרטיידיקנדיק דעם כּבֿוד פֿון פּאָליט־אַרעסטירטע. דאָס געריכט פֿאַרמשפּט אים אויף 18 חדשים תּפֿיסה און אויף איין חודש פֿאַר אַנטקעגנשטעלן זיך דער פּאָליציי.

אין די תּפֿיסה־קאַמערן טרעפֿט ער זיך מיט אַלטע אָנפֿירנדיקע חברים, צווישן אַנדערע מיטן חבר מאַרצעלי נאָוואָטקאָ און דוד ראָזענשטיין („שוועיק“). ביי זיי לערנט ער זיך אין די 19 תּפֿיסה־חדשים, כּדי טעאָרעטיש זיך אונטערצוציען. פֿון תּפֿיסה גייט ער אַרויס פֿאַרהאַרטעוועטער און פּאָליטיש רייפֿער.

ער קערט זיך אום צוריק קיין מינסק־מאַזאָוויעצק, אין זיין שניידערוואַרשטאַט, און שפּאַנט זיך גלייך איין אין פּאַרטיי־אַרבעט. נאָך אַ קורצער צייט באַקומט ער אַ באַשלוס פֿון צ. ק. צו באַפֿרייען זיך פֿון וואַרשטאַט און זיך שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פֿון צ. ק. ער ווערט באַשטימט אַלס פּראָפֿעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער פֿאַר אויסשליסלעכער פּאָליטישער טעטיקייט.

אין די אומלעגאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן די קאָמוניסטישע טוער, איז נישט געווען מעגלעך לאַנג צו אַרבעטן אין איין געגנט. אויך מערעטיק ווערט פֿון איין געגנט אַריבערגעוואָרפֿן אין אַנדערע.

אין פֿאַרלויף פֿון דריי יאָר (31 — 1934) איז אַדאַם מערעטיק טעטיק אין קעלץ, ראַדאָם, לובלין, לאָדזש און אין זאַגלעמביע־דאָמבראָווער געגנט. ער אַרבעט אין די שטאָטישע און געגנטלעכע פּאַרטיי־קאָמיטעטן. אין פֿאַרשידענע צייטן געווען אויך סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי־קאָ־

מיטעס. ער פּלעגט — צווישן אַנדערן — אויך זיין צוגעטיילט צו באַדינען די פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סביבה מצד דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אין 1934 יאָר ווערט מערעטיק גערופן פון צ. ק. קיין וואַרשע און באַקומט אַ באַשטימונג אַלס פונקציאָנאַר אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון קפּפּ. סעקרעטאַר פון וואַרשעווער קאָמיטעט איז דעמלט געווען חבר פּאַוועל פינדער. אַלס מיטגליד פון וואַרש. קאָמ. האָט זיך מערעטיק דער עיקר פאַרנומען אין דער צייט מיט דעם יידישן ביוראָ, יידישער פּראָפ. באַוועגונג און בכלל מיט דער פּאַרטיי־טעטיקייט צווישן די יידישע אַר־בעטנדיקע.

סוף 1934, אָדער אָנהייב 1935 ווערט אַדאַם דעלעגירט פון דעם צ. ק. אין טשענסטאָכאָווער געגנט, אַלס סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט. זיין אויפגאַבע איז געווען אויפצובויען די צעגראָמירטע דורך דער פּאָליציי פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט און אין די דערפער. די פּאָליציי־אישע באַדינגונגען זענען געווען שווערע. אַדאַם איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, זאַמלענדיק די קעמערלעך, גרייטנדיק ראַיאָן־קאָנפערענצן. דאָס מאָל האָט אים נישט לאַנג געגליקט.

איינמאָל אויפן וואָקזאַל, וואַרטנדיק אויפן אָנקומען פון דער באַן, מיט וועלכער ער האָט געדאַרפט פאָרן אויף אַ זיצונג פון ראַיאָן־קאָמי־טעט, האָט ער באַמערקט געהיים־אַגענטן, וועלכע האָבן אים אָבסערווירט. ווען ער איז נאָר איינגעשטיגן אין דער באַן, איז ער גלייך געוואָרן אַרומ־גערינגלט און אַרעסטירט.

דריי טעג און דריי נעכט איז ער שווידערלעך געפייניקט און געקאַ־טעוועט געוואָרן. די פּאָליציי האָט אים געוואָלט ברעכן פיזיש און מאָראַ־ליש, אָבער ער האָט ווירדיק אויסגעהאַלטן די שרעקלעכע פּייניקונגען. נישט האָבנדיק קיין מאַטעריאַלן קעגן אים (וואַרשיינלעך האָט די פּאָליציי נישט געוואָלט אויפדעקן דעם פּראָוואָקאַטאָר) און נישט קאָנענדיק אים ברעכן מיט געוואַלד, האָט די פּאָליציי נאָך 6 וואָכן אים האַלטן איזאָלירט פון די איבעריקע פּאָליט. אַרעסטירטע — באַפרייט.

נאָך דער תפיסה בעט ער נישט קיין אָפּרו. ער מעלדעט זיך גלייך צו דער אַרבעט. דער צ. ק. שיקט אים אַלס סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט אין וואַרשע־הינטערשטאָט. ער טרעפט זיך צום צווייטן מאָל מיט נאָוואָטקאָ, אָבער נישט אין תפיסה ווי אין 1930 — 1931, נאָר ביי דער אַרבעט, אויף דער פריי. נאָוואָטקאָ איז אַ מיטגליד אין לאַנד־

סעקרעטאַריאַט און איז דעלעגירט צום וואַרשעווער הינטערשטאָטישן געגנט־קאָמיטעט — ווי מערעטיק גיט איבער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.

* * *

אין יענער צייט קומען פאָר אַ ריי אַרעסטן אין לאַנד. פיל צענטראַלע טוער ווערן אַרעסטירט, צווישן זיי אַ ריי מיטגלידער פון צענטראַלן קאָמיטעט פון „מאָפּר“. אויך אין די אָרטיקע און געגנטלעכע „מאָפּר“־אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט אַן אָרט פיל אַרעסטן.

מען דאַרף אויפבויען די אָרגאַניזאַציעס, מאָנטירן צענטראַלע און געגנטלעכע אָנפירונגען פון „מאָפּר“ און איינשטעלן אַ נייע צענטראַלע טעכניק און טראַנספּאָרט פון דער „מאָפּר“־ליטעראַטור אין גאַנצן לאַנד.

דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי פאַרטרויט אָן דעם חבר מערעטיק די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע. אַלס סעקרעטאַר פון צ. ק. פון „מאָפּר“ פאָרט ער אַרום אין אַלע געגנטן, שטעט און ראַיאָנען פון לאַנד, בויט אויף די „מאָפּר“־קאָמיטעטן, שטעלט איין די קאָנטאַקטן מיט די תפיסה־קאָמונעס, אָרגאַניזירט די טעכניק און רעדאַקציע. דאָס איז געווען צווישן אַנדערן די צוגרייטונג צו דער גרויסער מאַסן־אַקציע פאַר אַמנעסטיע פאַר די פּאָליט. אַרעסטירטע, וועלכע איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג אין יאַנואַר 1936 יאָר.

אין מאָסקווע, אין דער צווייטער העלפט פון 1935 יאָר, קומט פאָר דער דריטער פּלענום פון צ. ק. פון אינטערנאַציאָנאַלן „מאָפּר“. מצד דעם פּוילישן „מאָפּר“ ווערט דעלעגירט חבר אַדאַם מערעטיק. אויף דעם פּלענום באַריכטעט ער וועגן דער לאַגע פון די פּאָליט־אַרעסטירטע, וועגן די באַדינגונגען אין די פּוילישע תפיסות, וועגן דער מאַסן־אַקציע אויף דער פריי פאַר אויסבעסערן די באַדינגונגען פון די פאַרשפאַרטע אין די קאַזאַמאַטן רעוואָלוציאָנערע קעמפער און אַנטיפאַשיסטן און וועגן דעם קאַמף פאַר אַן אַמנעסטיע פאַר די פּאָליט־אַרעסטירטע.

אין דער זעלבער צייט קומט פאָר דער 7־טער קאָנגרעס פון קאָמינטערן. אַדאַם באַקומט די מעגלעכקייט אָנוועזנד צו זיין אַלס גאַסט אויפן קאָנגרעס אויף עטלעכע זיצונגען, און ער הערט זיך צו צו די רעפּעראַטן און צו דער דיסקוסיע וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פון איינהייטלעכן און פאָלקס־פראָנט.

* * *

אין סוף פון 1935 יאָר איז אַדאַם צוריק אין לאַנד. ער דערוווסט זיך וועגן באַשלוס פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי, אַז ער דאַרף צוריקגיין אין

וואַרשטאַט און טעטיק זיין אַלס לעגאַלער מאַסן־טוער. ער נעמט אויף דעם באַשלוס מיט פאַרדראָס. לגבי אים איז געווען נוגע דער באַשלוס פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי אין יענער צייט, אַז אַ טייל געוועזענע לעגאַלע מאַסן־טוער זאָלן אַוועק פון דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט, גיין אין וואַרשטאַט, כדי די פרייע צייט ווידמען אין די לעגאַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. די אויפגאַבע איז געווען אַ וויכטיקע: פאַראייניקן די געשפּאָלטענע פּראָפּ. באַוועגונג, אָרגאַניזירן דעם אייגנהייטלעכן אַרבעטער אין אַנטיפאַשיסטישן פּאָלקס־פראָנט. פּאָפּולערע און באַליבטע ביי די מאַסן קאָמוניסטן — האָט געהאַלטן דער צ. ק. — דאַרפן זיך געפינען דאָרט, ווו די מאַסן זענען פאַראַן. אַדאַם האָט געהערט צו די באַליבטע און פּאָפּולערע טוער.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויבנדערמאָנטן באַשלוס זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען און פּליאָטקעס, אַז לגבי אַדאַמען האָט די פּאַרטיי אַ פאַרדאַכט. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן זענען די קלאַנגען געווען גרונטלאָז. ער האָט זיך פון דעם שטאַרק איבערגענומען; ווי חברים גיבן איבער, האָט ער דאָס פּיינלעך איבערגעלעבט, געווען נידערגעשלאָגן. די פאַרשידענע אָפּאָזיציעס — אויסגעשלאָסענע פון דער פּאַרטיי — טראָצקיסטישע און אַנדערע, האָבן געפּרוווט אויסניצן זיין שווערע לאַגע און אים אָנשטעלן קעגן דער פּאַרטיי. אָבער ער האָט אַלע פּאָרשלאַגן פון די אָפּאָזיציאָנערן מיט עקל אָפּגעוואָרפן. ער האָט לסוף פאַרשטאַנען, אַז אין אומלעגאַלע באַדינגונגען קאָנען געשען פאַרשידענע מיספאַרשטענדענישן. די נאָענטסטע חברים זיינע — משה גרינבאַום, יואל לאַזעבניק, דוד ריכטער און אַנדערע האָבן אים אין די שווערע מינוטן זיינע אַרויסגעוויזן פיל וואַרעמקייט און האַרציקייט.

נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך אַדאַם גענומען צוריק צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, שענקענדיק זיין פרייע צייט דער פּאַרטיי און פּראָפּ. פאַריין פון די שניידער־אַרבעטער.

אַדאַם נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם קאַמף פאַר פאַראייניקן די פּראָפּפאַריינען פון די אַרבעטער פון דער באַקלייד־אינדוסטריע. פיל פון זיין פרייער צייט ווידמעט ער די צוגרייטונגען צום פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר. די וואַרשעווער שניידער־אַרבעטער ווילן אים אויס אַלס זייער דעלעגאַט. אויפן צוזאַמענפאָר איז אַדאַם איינער פון די אָנפירנדיקע קאָמוניסטן. אין דער פראַגע פאַראייניקונג און אויפגאַבן פון דער פּראָפּ. שניי־

דער־באַוועגונג טרעט אַדאַם אַרויס מיט אַ קאָררעפערעט אין נאָמען פון די דעלעגאַטן־קאָמוניסטן.

זיין אַרויסטרעטונג — ווי עס האָבן איבערגעגעבן חברים — האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט איז ער אויסגעהערט געוואָרן פון די דעלעגאַטן. דער הויכער ניוואָ, ווירקנדיקע און איבערצייגנדיקע אַרגומענטן אין זיין אַרויסטרעטונג — שרייבט דער סעקרעטאַריאַט צום פּאָליט־ביוראָ — האָט מעגלעך געמאַכט דאָס איבער־גיין צו אַ קאָנטער־אָפענסיווע און געפונען אָנערקענונג ביי אַ טייל בונדישע און פּפּסישע דעלעגאַטן.[4] אַדאַם האָט געהערט צו די גלענצנדיק־שיינע מאַסן־רעדנער.

אַזוי איז ער טעטיק געווען ביזן פאַנאַנדערלאָזן די פּאַרטיי און שפּע־טער ביזן אויסברוך פון דער מלחמה — סעפּטעמבער 1939.

* * *

סעפּטעמבער 1939. היטלער אָקופּירט פּוילן. אַדאַם און זיינע נאָ־ענטסטע חברים אַנטלויפן אין באַפרייטן דורך דער רויטער אַרמיי ביאַלי־סטאָק.

---

[4] דער צוזאַמענפאַר איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 20—18 אָקטאָבער 1935 אין לאָקאַל פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, זאַמענהאָף 5. אויף דער אַלגע־מיינער צאָל פון 90 דעלעגאַטן האָבן די קאָמוניסטן געהאַט 21 מיט שטים־רעכט און 10 מיט באַראַטונגס־רעכט. די קאָמוניסטן האָבן רעפּרעזענטירט פאָלגנדיקע שטעט: וואַרשע, גראָדנע, לאָדזש, ווילנע, קראָקע, לעמבערג, ביאַליסטאָק, סאָסנאָ־וויץ, בענדין, קוטנע, שעדלעץ, טאַרנאָוו, פּלאָנסק, טשענסטאָכאָוו, לודמיר א.א. פיל דעלעגאַטן־קאָמוניסטן זענען נישט צוגעלאָזט געוואָרן דורכן „בונד" צום צו־זאַמענפאָר. אין פיל פאַלן — צוליב אייגענער שולד — נישט דורכפירנדיק פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן צו דער צייט. צווישן אַנדערע זענען פון וואַרשע גע־ווען יאַנקל שפּאַן — סעקרעטאַר פון רעוו. פראָפ. שניידער־פאַריין פון די יידישע אַרבעטער, וולאַדיסלאַוו קאָוואַלסקי — פאָרזיצער פון רעוו. פראָפאַריין פון די פּוילישע אַרבעטער אין וואַרשע; קאַראָל בזשעזשינסקי, יודל פלאַץ, לובקע בור־שטיין, מאַניע לעוויצקאַ פון דער יוגנט, בערקאָוויטש פון לאָדזש א. אנד. אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג זענען געוויילט געוואָרן 5 קאָמוניסטן, 9 בונדיסטן און איין פּפּסאָוויעץ. זע בריוו פון סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. (אָן אַ דאַטע), וואַר־שיינלעך דעצעמבער 1935 אָדער יאַנואַר 1936. זע אויך די רעלאַציעס פון מאַניע לעוויצקאַ, יואל לאַזעבניק — דערציילט דעם 18/III 1963 אין אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע ביים צ. ק. פּזפּר.

אין די נייע באַדינגונגען, אין סאָוויעטישן ביאַליסטאָק, אַרבעט ער אין אָנהייב אַלס שניידער־אַרבעטער און איז צוזאַמען מיט חבר משה גרינבאַום דער גרינדער פון דעם ניי־אָרגאַניזירטן פאַריין פון שניידער־אַרבעטער.

ער מעלדעט זיך גלייך צום געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי פון ״אַטנפאַרבאַנד און שרייבט צום קאָמיטעט, שטעלנ־דיק זיך צו זיין דיספּאָזיציע. ער איז טעטיק אין דער ביאַליסטאָקער „מאָפּר“־אָרגאַניזאַציע און איז אַקטיוו אין אַלע פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע אַקציעס, אָנגעפירטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד.

עס הייבט זיך אָן די אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעטס־קאָאָפּעראַציע. אַדאַם ווערט דעלעגירט צו דער אַרבעט. ער ווערט איינער פון די אָר־גאַניזאַטאָרן פון די שניידער־ און טריקאָטאַזש־קאָאָפּעראַטיוון אין ביאַ־ליסטאָקער געגנט. ער פאָרט פון שטאָט צו שטאָט און, אַלס פאַכמאַן, פאַרנעמט זיך דער עיקר מיט אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע, אויסאַרבעטן די פּראָדוקציע־פּלענער און מאָביליזירן זייער רעאַליזירונג. אַדאַם איז געווען באַליבט אין גאַנצן קאָלעקטיוו און ביי די טויזנטער אַרבעטנדיקע אין די שניידער־ און טריקאָטאַזש־קאָאָפּעראַטיוון. נישט איינמאָל איז ער מצד דער אָנפירונג פון געגנטלעכן פאַרבאַנד פון דער אינדוסטריעלער קאָאָפּעראַציע אויסגעצייכנט געוואָרן.

* * *

עס קומט דער שרעקלעכער טאָג פון 22־טן יוני 1941. היטלערישע באַנדיטן באָמבאַרדירן ביאַליסטאָק. די פרוי זיינע פּאָליע מיטן קינד וואַקואירט ער קיין מינסק און ער אַליין ווערט מאָביליזירט דורך דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע ביים פאַרבאַנד פון דער קאָאָפּעראַציע. ווען ער גרייט זיך שוין פאַרלאָזן ביאַליסטאָק צוזאַמען מיט אַנדערע, מאַרשירט אַריין אין שטאָט די היטלערישע אַרמיי.

אין היטלערישן ביאַליסטאָק — בסדרדיקע לאַפּאַנקעס. חברים ווערן דורך דער געסטאַפּאָ אַרעסטירט. פיל ווערן דערשאָסן אָדער לעבעדיקער־הייט פאַרברענט — שוין אין די ערשטע טעג און וואָכן. די חברים מערע־טיק, לעוואַרטאָווסקי, משה אַפּעלבוים (ביאַלער), יאָסל ליכטענשטיין און אַנדערע באַראַטן זיך, וויאַזוי צו אָרגאַניזירן דעם אַנטיאָקופּאַנטישן קאַמף.

אַדאַם דערוווסט זיך, אַז זיין פרוי און קינד זענען פון מינסק גע־קומען צוריק קיין וואַרשע און אויפן וועג אַדורכגעמאַכט שרעקלעכע צרות. ער רעציזירט זיך אַריבערצופאָרן קיין וואַרשע, כדי אין דער שווע־רער צייט זיין צוזאַמען מיט דער פרוי און קינד.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין וואַרשע וועט זיין מעגלעכער צו אָרגאַ־ניזירן דעם הייליקן אַנטיאָקופּאַנטישן קאַמף קעגן די היטלערישע באַנדיטן.

אין וואַרשע איז שוין פאַראַן יוסף לעוואַרטאָווסקי. געקומען אויך פון ביאַליסטאָק. ער טרעפט זיך מיט אַנדערע אַלטע טוער. אין וואַרשע זענען שוין פאַראַן פאַרשידענע אַנטיפאַשיסטישע און אַנטיאָקופּאַנטישע גרופּן. אַדאַם שטעלט זיך מיט זיי אין קאָנטאַקט. עס אַנטשטייט די פּפּר. יוסף ווערט באַפולמעכטיקטער פון צ. ק. פּפּר אין וואַרשעווער געטאָ. צוזאַמען מיט אַנדערע חברים: פּינקוס מאַרטין (אַנדזשעי שמידט), יאַקוב דרייער, שכנא פיינגאָלד, יאַקוב קאַרץ, חיים אַנקערמאַן, באָלעק אַלעף, יוסף גיטלער — באַרסקי, אונטער דער אָנפירונג פון יוספן, רעאַליזירט ער די אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן די קעמפערישע פּפּר אין געטאָ.

אַדאַם קען וואַרשע, באַזונדערס דעם יידישן ראַיאָן. ער זוכט אַלטע באַקאַנטשאַפטן, געפינט אויס די אויסגעפּרוווטע קאַפּאָוצעס און דורך זיי סימפּאַטיקער און ניי־ווערבירטע פּראָווצעס. די פּפּר־אָרגאַניזאַציעס שאַפן אַ ראַיאָן־קאָמיטעט און אַדאַם ווערט זיין אָרגאַניזאַציאָנעלער סעק־רעטאַר — פאַקטיש די צווייטע האַנט נאָך לעוואַרטאָווסקין.

אָט וואָס עס שרייבט איינער פון די שרעקלאָזע קעמפער — דער קאָ־מוניסט בערנאַרד באָרג:

„אָט אַזוי ווי נעכטן ווּאָלט דאָס געווען. אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס. מיין ערשטע טרעפונג מיט אדאַם מערעטיקן. ווי שטענדיק איז אדאַם רו־איק, רעדט געלאַסן, שטיל. פון זיין מיד, לענגלעכער בלאַס פּנים קוקן אַרויס צוויי קליינע בלויע אויגן, וואָס זענען אַלעמאָל פול מיט אומרו.

„ס'איז געשאַפן געוואָרן די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי. מען מוז אויפ־זוכן אַלע געוועזענע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן. מען דאַרף אָנהייבן אויפסניי אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען. יוסף איז אויך דאָ מיט אונדז. ס'ווערן געשאַפן פּאַרטיי־ און פּאַרטיזאַנער־גרופּן, ס'הייבט זיך אָן דער אומברחמנותדיקער קאַמף קעגן אָקופּאַנט. דאָס געטאָ האָט אויף דעם געוואַרט מיט אומגעדולד".

אַזוי האָט שמואל מערעטיק פאַנאַנדערגעטראָגן די פלאַמענדיקע ידיעה וועגן דער אַנטשטייונג פון דער קאַמפס־פּאַרטיי פּפּר, וועגן וואָס ס'האָבן

געטרוימט און זיך געווונטשן די קאָמוניסטן און פיל קאַמפס־גרייטע פון אַנדערע סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע פּאַרטייען, ווי אויך פיל אומ־פּאַרטייאישע אַנטיפאַשיסטן. „נישט לאַנג איז באַשערט געווען — שרייבט באָרג — זיך צו טרעפן מיט אַדאַמען".[5]

די פפר מיט יוספן אין דער שפיץ נעמט אונטער די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן דעם אַנטיאָקופּאַנטישן איינהייטס־פראָנט. אדאם איז איינער פון די אָנטיילנעמער מצד דער פפר אויף די באַראַטונגען מיט די איבעריקע עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען אין געטאָ. — ציוניסטישע און נישט ציוניסטישע.

אויף דער קאָנספּיראַטיווער באַראַטונג אין לאָקאַל פון „צענטאָס" מיט די ציוניסטישע פּאַרטייען, וו עס ווערט געשטעלט מצד דער פפר די פראַגע פון אָרגאַניזירן דעם נאַציאָנאַלן אַנטיפאַשיסטישן פראָנט, איז אויך מע־רעטיק איינער פון די דעלעגירטע פון דער פפר־אָנפירונג.

אדאם האָט אָרגאַניזירט די פפר־טעכניק, שטעלט איין דרוקערייען פאַר דרוקן אַנטיאָקופּאַנטישע ליטעראַטור. ער זאָרגט פאַרן קאָלפּאָרטאַזש און איז אויך טעטיק ביים רעאַליזירן די אויפגאַבע, געשטעלט פון צ. ק. — ווערבירן קעמפער אין דער באַוואָפנטער פאָלקס־גוואַרדיע אין געטאָ.

די פפר אויף דער „אַרישער" זייט נייטיקט זיך אין אַ פּוילישער דרו־קעריי. אין געטאָ געפינען זיך גענוג דרוק־מאַשינען און זאַץ. דער צ. ק. פון פפר גיט איבער די אויפגאַבע אַריבערצוואַרפן אַ דרוקעריי אויף דער אַרישער זייט דעם פפר־קאָמיטעט אין געטאָ.

עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן און אדאם מערעטיק, אַנדזשעי שמידט און דור וואָלסקאָ ווערן באַשטימט דעם קאַמפס־באַפעל צו רעאַלי־זירן.

עס געשעט אַ פּראָוואָקאַציע און די חברים ווערן אַרעסטירט ביי דער אַרבעט.

אָט וואָס מיר דערוויסן זיך, לייענענדיק דאָס בוך „זאַ מוראַמי פּאַוויאַ־קאַ": [6]

„דעם 20־טן מאי 1942 האָט מען נעבערענגט פון געטאָ 4 נייע אַרעס־טירטע צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע: אַנדזשעי שמידט, אַדאַם מערעטיק, דוד וואָלסקאָ און קיסעליעוו... אין זעלבן טאָג האָט מען קיסעליעוון באַ־פרייט...

---

[5] זע „פאָלקס־שטימע" פון 19־טן אַפּריל 1963.

[6] לעאָן וואַנאַט „זאַ מוראַמי פּאַוויאַקאַ" — זייטן 29 — 223.

אין טאָג פון אַרעסטירן מערעטיקן, שמידטן און וואָלאָסקאָן אַלס מיטגלידער פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון פּפּר אין געטאָ, האָבן זיי זיך געזאָלט טרעפן אין דעם רעסטאָראַן אויף ראָג גענשע — זאַמענהאָף מיט אַ כלומרשטן פאָרשטייער פון פּפּר, געוועזענעם וויסן גוואַרדיסט קיסעליעוו, כדי איבערצוגעבן אויף דער אַרישער זייט אַ דרוק־מאַשין (פּעדאַל), געשענקט פון די חברים פון געטאָ. דאָס איבערגעבן האָט געזאָלט פאָרקומען אויף דער גאַס שעננע — זשעלנע... אין דער צייט האָבן געוואַרט אין דעם אָפּגעשמועסטן רעסטאָראַן אויף קיסעליעוון מערעטיק, שמידט און וואָלאָסקאָ. ווען ער איז געקומען, האָבן זיך נאָך אים באַוויזן געסטאַפּאָוועצעס און אַלע אַרעסטירט...

„אויפן וועג צום פּאַוויאַק — לייענען מיר ווייטער — האָט שמידט — געוועזענער מיטגליד פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע אין שפּאַניע, אַ טוער פון קפּפּ און פּפּר, ערשטער קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — אַרויסגעכאַפּט דעם פּיסטאָלעט ביי איינעם פון די געסטאַפּאָוועצעס און האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. דער פּרווו צו אַנטלויפן איז נישט געלונגען. דעם צעקאַטעוועטן שמידט און די חברים האָט מען געברענגט צו פירן אויפן פּאַוויאַק“...

מערעטיק און די חברים, פאַרפייניקטע אין די פּאַוויאַק־קעלערן, האָבן זיך געהאַלטן העלדיש און ווירדיק. מערעטיק האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיט דער אין פּאַוויאַק עקזיסטירנדיקער קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע. פון זיי דערוווסט ער זיך, אַז קיסעליעוו איז תיכף באַפרייט געוואָרן. עס ווערט פאַר אים קלאָר, אַז קיסעליעוו איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

און אויסגעמאַטערטער פיזיש, צעבלוטיקט דורך די טאָג־טעגלעכע פייניקונגען, טראַכט אדאם מערעטיק וויאַזוי נישט צו דערלאָזן צו ווייטערדיקער פּראָוואָקאַטאָרישער טעטיקייט פון קיסעליעוון און אוממעגלעך מאַכן זיינע פאַרעטערישע פּלענער לגבי דער פּפּר אין געטאָ און אויסערן געטאָ.

מערעטיק האָט געטאָן אַלץ, אַז עס זאָל איבערגעשיקט ווערן אַ גריפּס מיט דער וויכטיקער ידיעה צו דער פּפּר — דורך זיין פרוי פּאָליע מערעטיק, וועלכע האָט געוווינט אויף קאַרמעליצקע גאַס. די ידיעה איז טאַקע שנעל דערגאַנגען צו דער פּאַרטיי־אָנפירונג. [7]

---

7 דער פּראָוואָקאַטאָר קיסיליעוו איז אַדאַנק מערעטיקס גריפּס דערשאָסן געוואָרן אויף דער זשעלנע־גאַס אין זיין איינענער וווינונג דורך די מיטגלידער פון דער פאָלקס־גוואַרדיע.

אַראַנק מערעטיקס תיכפדיקע שריט און אָרגאַניזירטער אַקציע פון דער תפיסה=קאָנספּיראַציע איז נישט דערגאַנגען צו קיין נייע אַרעסטן.

אדאם מערעטיק ווערט דערשאָסן אויף די פּאַלמירער פעלדער צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע אַנטיפאַשיסטישע קעמפער.

נאָכן אַרויסטרייבן די היטלערישע באַנדיטן פון דער פּוילישער ערד — ווערן אדאם און אַנדערע אויסגעצייכנט מיט אַ הויכער מלוכה=אויסצייכענונג דורך דעם נאַציאָנאַלן לאַנד=ראַט, דורך דעם ערשטן סאָציאַליסטישן פּרעזידענט הבר באָלעסלאַוו ביערוט.

ער איז אומגעקומען, אַלט זייענדיק 35 יאָר, און דעם 20 יאָר פון אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּס=טעטיקייט אין דער קפּפּ און אין די היטלערישער קאָשמאַר=יאָרן אין דער פּפּר. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער העלדישער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד=באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ.

# אינהאַלט


| | זייט |
|---|---|
| אַריינפיר | 5 |
| דוד ריכטער — „דודל“ | 11 |
| משה גרינבוים — „גרינבערג“ | 67 |
| שמואל מערעטיק — „אַראַם“ | 101 |